STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 00837

DI KROYNUNG FUN A YUNGN YIDISHN DIKHTER IN AMERIKE

Melech Ravitch

•

Permanent preservation of this book was made possible by Benjamin & Freda Cohen, New Haven, CT

FUNDING FOR THE CORE COLLECTION OF YIDDISH LITERATURE
WAS MADE POSSIBLE IN PART BY A GRANT FROM THE
DAVID AND BARBARA B. HIRSCHHORN FOUNDATION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

מלך ראַוויטש

די קרוינונג פון אַ יונגן יידישן דיכטער אין אַמעריקע

פאָעמע

אַרויסגעגעבן פון דוד איגנאַטאָוו ליטעראַטור פאָנד
ניו יאָרק, 1953

Melech Ravitch

The Crowning of a young yiddish poet in America ..

Poem

Published by David Ignatoff Literary Foundation Inc.
New York, 1953

Printed by Northern Printing and Stationery, Montreal

☆

זייט 5 הקדמה

זייט 9 די פּאָעמע אין 13 קאַפּיטלען

זייט 67 זוכצעטל

זייט 69 נאָכבאַמערקונגען

☆

געדרוקט אין טויזנט עקזעמפּלאַרן
אין שייכות מיט דעם בוך קען מען זיך ווענדן לויטן אַדרעס:
BOOK CENTER, 4629 PARK AVENUE, MONTREAL

געזעצט און געדרוקט דורך ״נאָרדערן־פּרינטינג״ — הערץ און
עדלשטיין — 4842 סט. לאָרענס בולוואַר, מאָנטרעאל

מלך ראַוויטש

. . . .

די קרוינונג פון אַ יונגן ייִדישן דיכטער אין אַמעריקע

. . . .

פּאָעמע

אויב איר ווילט — איז עס נישט קיין מעשהלע...
הערצל.

אַרויסגעגעבן פון דוד איגנאַטאָוו ליטעראַטור פאָנד
ניו יאָרק יאָר 1953

• • •

פאַר מיין טאָכטער
דער טענצערין ר ו ת ב ע ר ג נ ע ר

פאַר מיין זון
דעם מאָלער י אָ ס ל ב ע ר ג נ ע ר

פאַר מיין שנור
דער מאָלערין אָ ד ר י ב ע ר ג נ ע ר

• • •

מיט וואָס האָב איך זוכה געווען,
וואָס איר זענט דער המשך
פון אַלעם דעם, פאַר וועלכן איך האָב
מיין לייב און לעבן אַוועקגעגעבן — —

אמר המחבר:

די אידייע פון דער פּאָעמע „די קרוינונג" איז אויפגעקומען ביי איר מחבר אין אַ שמועס מיט דעם יונגן ווילנער דיכטער חיים גראַדע, אין ניו יאָרק — האַרבסט 1948, בימי יידישן קולטור־קאָנגרעס. גראַדע האָט כסדר געטענות'ט צום יידישן ניו יאָרק, למאַי עס איז ווייניק יידיש־יידיש. ער האָט געמאָסטן ניו יאָרק 1948 — מיט דער מאָס ווילנע 1938. האָט דער עלטערער חבר, געשטויבט, אין פאַרלויף פון צענדליקער יאָרן, אין אַלע שטויבן פון גאָר דער יידישער וועלט — געזאָגט: יידישקייט אין אַמעריקע בכלל — און יידיש בפרט — זענען אַ טיפער, טראַגישער, און אפילו דערהויבענער פלאָנטער פון קרוין און פון יאָך. און יידישע דיכטער מוזן דאָ טראָגן אַ יאַרמע־יאָך און נישט קיין יאַרמלקע־קרוין. איינער טראָגט זי מיט כעס, דער אַנדערער מיט הכנעה און דער דריטער מיט גורלדיקער ווירדע. און ער האָט דער־מאָנט צוויי שורות פון ריכאַרד בער־האָפמאַנס „יעקבס חלום":

> גאָט! וואָס דיין רצון זאָל אויף מיר נישט לייגן...
> ווי קרוין וויל איך עס טראָגן — נישט ווי יאָך!

פון אָט די ווערטער איז דעמאָלט געוואָרן אַ ליד פון אַ פּאָר טוץ סטראָפן. און אין לאַנגזאַמע גילגולים, צוועלף־דרייצן אין צאָל — האָט זיך דאָס ליד פאַרוואַנדלט אין אָט דער פּאָעמע. ווי גורל פאַרפאָלגט זי דעם מחבר שוין מער ווי פינף יאָר. וואָס גרעסער זי ווערט אין כמות, אַלץ קלענער דערשיינט זי אים אין איכות. וואָס מער ער שרייבט אין איר אַריין — אַלץ מער פעלט אים אין איר אויס. אַלץ, אַלץ וואָלט ער וועלן אין אָט די לאַנגאָטעמדיקע חרוזים אַריינשרייבן. אָבער אַלץ קען מען נישט, קיינער נישט, און אוודאי נישט דער מחבר; עמאַנצי־פירט ער דערמיט סוף כל סוף זיין פּאָעמע פון זיך, אָט אַזוי ווי זי איז.

איר יסוד איז אמונת-און אהבת־ייד. דאָס איז נישט אין סתירה מיט אמונת־ און אהבת־אדם. נישט אַנטראָפּאָלאָגיש — נאָר אידעאָלאָגיש. און אזוי ווי אָן יידן איז קיין יידישקייט נישטאָ — איז ממילא דאָס טליענדיקע פלעמל פון יידישקייט אַלעמאָל דאָרט, וווּ עס איז דאָ דער גרעסטער כמות־ייד. און — אַקסיאָם — וואָס מער כמות, אַלץ מער איכות. און דעריבער איז דער גראַוויטאַציע־פּונקט פון ייד־גורל היינט נישט ערגעץ אַנדערשווו צו זוכן, ווי נאָר אויפן אַמעריקאַנישן קאָנטינענט, דער פיזישער היים פון העכער אַ העלפט פון אונדזער פאָלק. און דעריבער — פאַרנעמענדיק זיך אין תוך מיט גורל ייד בכלל, פאַרנעמט זיך די פּאָעמע אויסשליסלעך מיט גורל ייד אין אַמעריקע.

מיין נשמהס חוט השדרה

איך גלויב אין דער שליחות פון דער זון אין דער וועלט —
אין שליחות פון דער מאַמע ערד אין סיסטעם פון דער זון —
אין שליחות פון דומם, צומח, חי און מדבר אויף דער ערד —
אין שליחות פון מְדַבֵּר ביי אַלץ, וואָס באַשאַף איז —
אין שליחות פון ייד אין דער מענטשהייט.

ער איז אַקס אין לעבנס ראָד פון דער וועלט,
ער איז ליניע אין קרייז און ממילא אין אַלע קרייזן,
ער איז דאָס זוכן פון יושר אין לעבנס שמחות און תאוות —
אין שליחות פון אַמעריקאַנישן ייד אין יידישן וועלט-פאָלק,
ער איז דער גרויסער כמות — היינט,
ער איז ממילא דער גרויסער איכות — היינט,
ער איז עס אין דער היינטיקער קאָנסטעלאַציע פון דער יידישער וועלט-געשיכטע,
און ווער ווייסט ווען און וואָס אַן אַנדערע וועט זיין —

און דעריבער:

אין די יאָרן 1933־1945 איז צעשטערט און פאַרשטערט געוואָרן אַ האַלב יידיש פאָלק — און — —
וועט אונטערגיין גייסטיק דאָס יידנטום אין אַמעריקע,
וועט אונטערגיין סוף־כל־סוף — גוף און גייסט — דער ייד אין מדינת ישראל,
וועט אַרונטערגיין אויף לאַנג, לאַנג דער ייד פון דער בימה פון דער מענטשהייט,
וועט אונטערגיין סוף-כל־סוף דער מענטש אויף דער במה פון דעם פלאַנעט,
וועט אונטערגיין דער זינען פון באַשאַף אויף דער ערד,
וועט אונטערגיין דער זינען פון דעם קרייזן פון דער ערד אין איר אַרביטע,
וועט אונטערגיין דאָס ליכט פון דער זון.

וועלנדיק די סטראָפן מיט אַלע זייערע פראָבלעמען, פאַר זיך אַליין, אויסשטעלן אויף אַ פייער-פראָבע ממש, האָב איך דעם כתב־יד גענומען מיט זיך (ער איז דעמאָלט געווען אין זיין זעקסטן, אָדער אַכטן גילגול) אויף אַ רייזע קיין ישראל. זומער 1950. דאָרט די פאָעמע כסדר פאַר זיך געלייענט. אין מיין נשמה איז זי די פייער־פראָבע בייגעשטאַנען. כאָטש — כאָטש, אין אַ געוויסן זינען, איז דאָס פאַראַדאָקסאַל. מיין גאַנצער מהות האָט זיך אין ישראל צעגליט מיט אַ ממש אַטאַוויסטישער ליבע-ליידנשאַפט צו יענעם לאַנד, יענער לאַנדשאַפט, יענעם הימל, יע־נעם ברעג ים. יידישע פאַראַדאָקסאַלע דיאַלעקטיק. מיט דעם מוח נישט צו באַנעמען, מיט דעם האַרץ אפילו נישט צו דערפילן. און פאָרט.

אַן אויסגעבענקטע מענטש-געשטאַלט, ייד-געשטאַלט איז אין צענטער פון דער פאָעמע. אַ גילגול פון אַלע מיינע בענקשאַפטן צום אויסגעחלומטן. אַ פאַרהיינטיקטער גילגול פון אַמאָל־אַמאָליקן משיח, פון חסידישן צדיק. טיף אין דער נאַטור פון דעם מין מענטש ליגט עס צו באַקליידן אידייען אין ביין און אין פלייש, בלוט אין זיי אַריינצוגיסן, אָטעם אַריינצובלאָזן. איך האָב דער געשטאַלט געגעבן דעם נאָמען פון מיין זיידן און אויך מיין זון, און זין נאָך און נאָך און זיידעס נאָך און נאָך, ביז יוסף בן יעקב — ישראל. אין דער אמתן איז די געשטאַלט אפשר אַ בענקשאַפט־גילגול צו מיין עלטערן ברודער משה ז״ל, 1892—1921, וואָס נאָך היינט, צוויי און דרייסיק יאָר נאָך זיין אַליין־געגומענעם טויט, קריג איך בריוו פון זיינע אַמאָליקע חברים פון שטיין-האַמער, קאָסע, אַקער און ביקס אין ארץ ישראל, ווו ער האָט אָפּגעשומרט צען יאָר, אַז זיי פלעגן „וואַרטן יעדן טאָג אויף זיין התגלות״. אַן עדות פון מיין בענקשאַפט צו

דערלעבן ווען עס איז אַ מאָמענט פון אַזאַ התגלות אין און דורך דער יידישער ליטעראַטור, מיין לייב און לעבן, איז אויך מיין לאַנגע קאָרעספּאָנדענץ מיט דעם דיכטער-פּאַרטיזאַן אברהם סוצקעווער, באַלד נאָך דעם פאַרלעשן פון די גאַז־אויוונס פון דריטן יידישן חורבן.

אַלערליי ווידערקלאַנגען, פון ווייטע קינדער־יאָרן אפילו, קומען צום אויסדרוק אין דער פּאָעמע. איך האָב פיינט געהאַט שבתים און יום־טובים. דעם טאַטנס אומעטיקע הבדלה — מיט איר אָנזאָג פון וואָך — האָב איך אַלעמאָל ליבערשט געהאַט ווי דעם וויין-פינקלדיקן קידוש זיינעם. מיין מאַמע האָט דאָס באַמערקט און פלעגט אַלעמאָל זאָגן, אַז איך וואָלט צום בעסטן געוואָלט, אַז וואָכן זאָלן זיך גאָר נישט ענדיקן מיט אַ שבת, נאָר איין וואָך זאָל אַריין אין דער אַנדערער, אַן אייביקע וואָך.

אין דער אייביקער וואָכעדיקייט פון דעם האָרעפּאַשנעם יידישן לעבן אין פוילן, אין אָנהויב פון דעם יאָרהונדערט, איז אַן אַנטפּלעקונג געווען יצחק לייבוש פּרצעס בענקשאַפט צום אייביקן שבת — און יום טוב. ווי גרויס די אידייע זאָל נישט האָבן געווען — איז אָבער יעדע אידייע נאָר אין איר צייט באַרעכטיקט מיט אַ לחלוטינדיקער באַרעכטיקונג. אין דעם לייכטזיניקן פּאַקטישן שטענדיקן — מען קען נישט זאָגן „אייביקן" אין דעם פאַל — שבת־און יום טוב, ריכטיקער חגא, וואָס האָט אַרומגעכאַפּט דאָס אַמעריקאַנישע יידנטום, דעם רוב מנין ורוב בנין פון דער ייד־מאַיאָריטעט אויף דער זייט פון די גרויסע וואַסערן, מוז ווערן אַן אידעאַל אַ לאַנגע וואָך. און נישט נאָר אין אַמעריקע, נאָר בכלל. צום גרויסן שבת איז נאָך ווייט, ווייט, אפשר טאַקע די גאַנצע דריי הונדערט יאָר, וואָס עס פעלן נאָך ביזן אָנהויב פון זיבעטן יאָר־טויזנט... אפשר איז די לעגענדע עקזאַקטער און מאַטעמאַטישער אמת...

שבת און יום טוב האָבן מיך — אין דער קינדהייט שוין — און אַז ווי ביז היינט, אָנ־געפילט מיט טרויער. געוויסנס-ביסן האָבן מיך געפּלאָגט. וואָך האָט מיך אָנגעפילט מיט פרייד, באַרואיקונג פון געוויסן, עול און דערהויבנקייט און זיכערקייט. מעגלעך, אַז אויף דעם סאָציאַלן געביט, דעם סאָציאַליסטישן פעלד, לאָזן זיך אַזעלכע מעדיטאַציעס נישט אָנווענדן. מעגלעך. אָט דערמאָנט זיך מיר פון מיין קינדהייט, ווי אַ חברטע פון חנהן, דער דינסט אין אונדזער שטוב אין פאַרלויף פון אַ סך יאָרן, האָט פאַר איר געהעשעט אויף איר בייזער דאַליע: — חנה־לעבן, דו האָסט כאָטש אַ שבת, אַ יום טוב, ביי מיר איז דאָך אַן אייביקע וואָך... (אָט דעם יידיש־פאָלקס־טימלעכן טערמין „די אייביקע וואָך" האָט, אגב, דער אַרגענטיניש־יידישער דערציילער בערל גרינבערג גענוצט ווי אַ טיטל צו זיינס אַ בוך).

וואָך, געגראַמט מיט יאָך אויף דעם פעלד פון נאַציאָנאַלער קולטור ביי יידן — איז דער אינהאַלט פון דער פּאָעמע. האָט דען דער רעליגיעזער ייד נישט אייביק עוסק געווען במלאכת-הקודש? אויך ביי אים איז — אין דער אמתן — געווען אייביקע וואָך און אייביקער יאָך. אַנדערש געשלייערט, שבת־יום טובדיק. עס איז דאָס זעלבע. אין תוך דאָס זעלבע. קרוין ווי יאָך, און יאָך אָדער עול ווי קרוין — זענען כמעט פאָלקסטימלעכע באַגריפן. ליטעראַטור האָט זיי אַדאָפּטירט.

ווי אַ מאָטאָ צו דער פּאָעמע שטעל איך אַוועק די אומשטאַרביקע ווערטער — באַנאַליזירט דורך צופיל ציטירן זיי, אָבער איך קען מיר נישט העלפן — פון טעאָדאָר הערצל, פון זיין „אַלט-ניילאַנד״: אויב איר ווילט — איז עס נישט קיין מעשהלע. — — ווי פּאַראַדאָקסאַל עס זאָל אויף די בלעטער נישט קלינגען.

מיט דריי יאָר צוריק, ווי שוין פריער דערמאָנט, איז דער שרייבער געוועזן אין מדינת ישראל. דאָס לאַנד ציט אים און רופט אים צוריק, סײַ מיט אור־ווייטע און סײַ מיט אָט-נאָענטע רופן, עס רופט אין דער נשמה און עס רופט אפשר אויך אין בלוט... מיט שרעק זאָג איך די ווערטער, אָבער איך זאָג זיי דאָך, זיי זענען דער אמת. אָבער נשמה־בלוט און שכל זענען צוויי עלעמענטן, כאָטש אינטעגראַל אין איין מין מענטש. וואָס די נשמה און בלוט זאָלן נישט זאָגן, זאָגט דער שכל, אַז אויב עס איז באַשערט דעם צעשטערער פון ייד אין דער וועלט אָפּצוהאַלן אַ טאָטאַלן נצחון — וועט קודם אונטערגיין דער גייסט פון ייד אין אַמעריקע. און אויב עס איז באַשערט אַ נייער יידישער אויפגאַנג אין דער וועלט, וועט זיין אַ גייסטיקער אויפגאַנג פון יידן אין אַמעריקע. דעריבער — דריי יאָר נאָך אַ רייזע אין ישראל — און אפשר אויך ווידער פאַר אַ נסיעה אַהין, און אויף לאַנג און לענגער, הער איך אַן אינערלעכן רוף אַרויסצוגעבן אָט די אַמעריקאַניש־יידישע פּאָעמע.

איז שלעכטס באַשערט, טאָמער און חלילה, און דאָס יידנטום פון אַמעריקע וועט גייסטיק אַראָפּ אין אַ תהום — זאָל כאָטש ערגעץ-ווו, אַרום דעם אָפּגרונט, העגנען בלייבן, אויף אַן איבערגעקערטן וואָרצל פון אַ בוים, אָט דער חלום. — — און אויב גוטס איז באַשערט, זאָל מען די פּאָעמע ווען עס איז פון שטויב אַרויסהויבן און זיך דערמאָנען, אַז אין דעם און דעם יאָר האָט איינער געחלומט פאָרויס...

מאָנטרעאל, זומער 1953

א

דער דיכטער־יורש און זיין יחוס

אין דמיון פון מיין ווי האָב אָפּגעזוכט איך אין אמעריקע פאר אונדז אַ חבר־יורש, יידן־דיכטער.
געווען איז ער א ייִנגל דאַן; איצט איז ער צוואַנציק אַלט, כאָטש זעען זעט ער אויס אויף מער.
נאַכט־שווארץ די האָר, טאָג־בלוי דער בליק; ער פינצטערט־שטראַלט מיט תהומען און מיט הימלען.
ס'איז אמת, כאָטש נאָך רוי, זיין דיכטערשער חזיון; יאָ, אַזוי גייט אויף דער זאָמען פון אַ וויזיאָנער.

☆

אַ תלמיד־חכם, משכיל, ליטוואַק און א קבצן אין ניו יאָרק, געוועזן איז זיין טאַטנס טאַטע;
זיין טאַטע איז געווען אַ וועטעראַן פון ערשטער וועלט־מלחמה, אָן א האַנט — אַן אינוואַליד;
דאָך איז געבליבן ער אַ באַי פון באַיעס סאַי־ווי סאַי, און שרייען פלעגט ער הילכיק:
— אוודאי בין אַ „שיגי" איך, און איך בין שטאָלץ מיט דעם, וואָס כ'בין אַ ייד!

☆

מיין חברס מאַמע, רחל הייסט זי, איז שוין היינט אַ מיטליעריקע, אַן איינזאמע אלמנה,
זי האָט די שחיטות אַכצן־ניינצן אין די יונגע יאָרן אין אוקראַינע מיטגעמאכט,
דריימאָל געלעגן אין דער „קופּע", איידער ס'האָט אַן אָפּגעזוכטער פעטער
די קרובה, די פאריתומטע, מיט גרויסן טומל, קיין אמעריקע אַראָפּגעבראַכט.

☆

און שאָטנס גייען איר כסדר נאָך — זי קוקט זיך אלעמאָל, נאָך ביזקל היינט, מיט שרעק ארומעט,
און קיינער האָט די שטילע, שיינע פאר א כלה ניִשט געוואָלט, ביז איינמאָל האָט אַ ליד
געזונגען זי אין א חבריה קרובים — זינגען זינגט זי מיט אַ ניִשט־פון־דער־וועלט־אומעט;
צו מאָרגנס איז זי שוין געווען א כלה, צען טעג שפּעטער שוין דאָס ווייב, פון באַי פון אינוואַליד.

עס זענען האַרי־אַפּ אויף רחלס אָרעם־חתונה פון אַלע עקן פון ניו יאָרק צונויפגעקומען
די קרובים און די לאַנדסלייט און די וועטעראַנען, און מען קוויטשעט: מזל־טוב, און לאַק, און גליק!
און צו די זעקס חדשים נאָך דער ווילדער בית הקבורות־חתונה האָט שוין די שעמעוודיקע רחל,
קיין טאָג נישט מער געקענט דאָרט זיצן ביי דער זינגער־ניי־מאַשין מיט מיידלעך אין פאַבריק...

☆

דאָס איז דער יחוס פון דעם יורש,ביין און בלוט; דעם דיכטער האָט אין אים געשאפן כביכול;
נאָר דאָס, וואָס דיכטער איז ער יידיש־יידישער—זאָג איך מיט שטאָלץ, און האַרץ און אַל מיין מוט:
— נאַ זעט, דאָס זענען מיינע — קוקט זיי אָן! — יאָ, מיינע הענט געוועזן,
וואָס — ווי מען זאָגט — „פאַרגאָסן" האָבן אָט דאָס יונגע, שוימענדיקע בלוט

☆

און עס צו אונדזער פאָלק געמקריבט. און די מעשה, ריטמיש דאָ דערציילט, איז
אויסגעטראַכט — אוודאי,
און דאָך, ביי אַלץ וואָס איז מיר הייליק, אמת איז זי אויך, אָט ווי איר זעט אַ ייד מיך דאָ!
ס׳האָט רחלס זון אַ פּראָסטן נאָמען — יוסף; נאָך זיין מאַמעס טאַטן, קדוש פון פּראָסקוראָוו;
איך אָבער וועל אים רופן: יוסף בן ישראל! און די מעשה גייט דאָ ווייטער אין אַ גורל־שעה:

☆

געשטאָרבן יוספס פאָטער איז אין זעקסטן לעבנס־יאָר פון קינד; ער האָט נישט ליב געהאַט עס.
ס׳געדענקט אים יוסף קוים. נאָר פּרטים צוויי געדענקט ער גוט פון פאָטערס שטאַרבטאָג אָן:
די ערן־סאַלווע מיליטערישע ביים גרוב — מוזיק, און אויך אויף טאַטנס ארון אויסגעשפּרייטע,
די אַכט־און פערציק־שטערנדיקע, דרייצנפּאַסנדיקע, גראַנאַט־רויט און־ווייסע פאָן.

☆

אז יוספס פאָטער איז געשטאָרבן יונג, די מאַמע איז אליין געבליבן אין קאָלומבוסעס מדינה,
האָט זיך דער אָפּגעזוכטער פעטער, דעמאָלט שוין אַן אלמן, אָפּגעזוכט צום צווייטן מאָל.
ער איז פאַרפאָרן מיט אַ פערדל צו דער שבעה־שטוב, דער איינזאַמער, אין בראָנזוויל,
ר׳איז פראַכנדיק ארויין אין איר מיט אַ „גוד מאָרנינג!" אויף אַ הויכן קול.

און צוגעטרעטן באַלד צו ביזנעס, ווייל מען איז דאָך אין ניו יאָרק און „טיים איז מאָנעי”:
— איך האָב דיר דאָ אַ שדכן, רעיטשל, אי מיט זיך געבראַכט און אי פון זיך געשיקט — —
אַ שדכן און — — אַ חתן, ווייל עס איז, ווייזט אויס, באַשערט אין הימל,
איך וויל דיך, רעיטשל, נאָך אַמאָל באַגליקן, פונקט ווי כ'האָב דיך שוין אַמאָל באַגליקט.

☆

ער האָט דעם יתומל אַ קניפּ געטון אין באַק, און א דערלאַנג א שווערע טשאַקאָלאַדע־שאַכטל,
ער האָט זיין מאמען, אויף א קוש צו געבן, א שלעפּ געטון צו זיך מיט האָריק־האַרטער האַנט;
זי האָט געטון אַ ציטער — און איר קוויטש, פול שרעק, האָט ווי אַ גוואַלדריס אויפגעשפּאָלטן
די שטוב; ווייל עפּעס האָט זי זיך דערמאָנט, און אָנגעהויבן קלאַפּן מיטן קאָפּ אין וואַנט.

☆

און דער, צום צווייטן מאָל שוין אָפּגעזוכטער פעטער, האָט זיך באַ'ד צום צווייטן מאָל פאַרלוירן.
און רחל איז פאַרשווּיגן פלוצים, נאָר די אויגן שרייען נאָך און רופן הילף. זי קוקט מיט זיי אַצינד
מיט אימה אויף איר קינד. זיווישט אים פון די בלויע אויגן אויס די טרערן און זי שעפּטשעט:
— צי זע איך דיך צום ערשטן מאָל? צי בין איך ביז אַצינד געווען בלינד?

☆

זי עפנט אויף די אויגן ברייטער, ברייטער: — יאָ, אוודאי, זי איז רחל, די אַנטלאָפענע פון קופּע;
אָט איז איר יתום — נאָר וואָס הערט זי עפּעס מאָדנע, ווונדערלעכע קולות פון מעבר ים?
צי נישט איר מאמעס טרערן־קול ביים צאינה וראינה־לייענען שבת אין פאַרנאַכט?—אוי, אוי יוכבד,
דו ווילסט אַ מאמע זיין, ווי אַלע מאַמעס, נאָר כביכול וויל, אַז דו זאָלסט זיין אַ פרעמדע אַם.

☆

אויך יוסף האָט אין יענעם טאָג דערזען זיין מאַמען אַנדערש; האָט די זעקסט־האַלב יאָרן זיינע
ארויסגעריסן, אָפּגעטיילט פון דעם אין בראָנזוויל גוטבאַקאַנטן זיבן־זינדלעך־„גענג”.
פיר וואָכן שפּעטער האָט ער אָפּגעזוכט זיין ווילנער זיידן, וואָס געווען איז שוין אין מושב זקנים;
דער אַלטער — קוים ער רעדט, נאָך שווערן אָנפאַל פון זיין שוואַכן הארצנס קרענק.

אַ קלומעק ביכער און אַ בינטל ספרים האָט דער אלטער זיידע א ירושה יוספן געלאָזן, נאָר כאָטש ער האָט שוין קוים געזשיפּעט, ווען עס האָט זיין איינינקל אים פּלוצלונג אויפגעזוכט, האָט ער מיט ליבע יעדעס בלעטל דורכגעקוקט, און יעדן ספר איינציקווייז דערלאַנגט דעם יורש, און מיטגעגעב'ן אַ טרער מיט יעדן ספר און אַ זיפץ מיט יעדן איינציקן ירושה־בוך.

☆

ב

קינדער־יאָרן אין האַרלעם

געוואקסן יוסף איינזאם איז — דאָס קינד פון הונדערט דורות, ברודער פון אַ הונדערט לענדער,
גאָרביימלעך זענען דאָ אַ סך אַזעלכע אין ניו יאָרקס מיליאָנענדיקן ברידער־יידן־וואַלד;
פיל דעמבעס ארום אים צעוואקסענע מיט צווייגן ווייט און ברייט, און ער—אַ סאָסנע איז אַ שלאנקע,
און ווי אַ בויגן־פייל, געצילט פון גאָטס פאַרבאָרג׳נער האַנט, איז זיין מהות און זיין געשטאַלט.

☆

מען לעבט מיט האָרעפּאשנעם חשבון — מאַמע־זון — מען גיט נישט אויס קיין איבעריקע פּעני,
אַ העלפט פון דער פּרנסה איז אלמנה־פּענסיע נאָך אַ העלד; דאָס גיט דער גוטער אָנקל סעם;
נאָר מיט דער צווייטער העלפט איז שווער, אוי שווער אין נאָכמלחמה־יאָרנס שווארצן קריזיס,
מען צאָלט אַ דאָלאר אָפּ און באָרגט זיך צוויי, און קריכט גאָר קיינמאָל נישט ארויס פון קלעם.

☆

פארזונקען ווי אין תהום, פאַרגעסן איז געוואָרן רחל פון איר מאַנס און פון איר אייגענער משפּחה,
און נאָר א שווארצער מילכמאַן, טאָביט, אַ ילִיד פון האַרלעם, וואָס האָט צוגעשטעלט
אין בראָנזוויל פלעשער מילך, פאַרטאָג, ביי בידנע טירן, איז געוואָרן
דער פריינט אדאָ, דער אמתער, איינאייציקער פון אלע מענטשן אויף גאָטס וועלט.

☆

ווי זון דורך רעגן, פלעגט רחמנות — אָפּט דורך טרערן — פון די אויגן טאָביטס שטראלן,
און ס׳האָט אים נישט געארט, וואָס מ׳האָט אין יעדער ווייסער טיר באַגעגנט אים מיט חשד;
ער פלעגט ביי רחלס שוועל „פאַרגעסן" אָפּט, צו אָפּט, דעם ניקל אויפצומאָנען,
כאָטש ער איז אויך אַן אלמן אָרעמער, און א יתומה האָט אויך ער, אַן איינציקע געהאַט.

און איינמאָל האָט מען גאָר פון רחלס דירה בראָנזווילער די בעבעכעס אויף גאַס ארויסגעוואָרפן,
און נישט געהאָלפן האָט דער אינוואַליד־אלמנהס יושר־מאָנענדיק געשריי;
און דעמאָלט האָט דער נעגער־מילכמאַן טאָביט באַלד צו זיך פארבעטן די משפחה:
— קומט ווינען, גוטע מענטשן, קומט דערווייל ביי מיר אַ חודש, צוויי, צי דריי.

☆

ער איז געווען אַן אייניקל פון זאַנזיבארער שקלאפן, דער יליד און תושב הארלעמער, דער טאָביט.
נאָר ר׳האָט עס נישט אַליין געוווּסט. איצט איז אַ חסיד ער פון פאדער-גאָד־דיוואין.
ר׳האָט יעדן זונטיק נאָכמיטיק מיט פריינט און קינד, ביי גאָט, ביי זיינעם, מיט אַ ברען אַ חסידישן,
די הארבע וואָך ארויסגעטאַנצט פון זיך, געפּלעסקעט און געאָכצט: אַז גוט, אַז וואויל, אַז פיין!

☆

און אָפּט האָט יוסף זיך מיט טאָביט מיטגעכאַפּט צום גאָט, און האָט מיט טאָביטס טאָכטער, דזשיני,
ארייַנגעטאַנצט אַ טענצל און אַהיימגעקומען, ווי אַ ביבערל, פארשמאַיעט און פארשוויצט.
ס׳איז ווידער בעסער ביי זיין מאַמען שוין אצינד, זי האָט אַ דירה, ווידער אייגענע, אין הארלעם;
זי איז נאָך אַלץ גוט־פריינט מיט טאָביט, כשר, מענטשלעך, הייליק, נאָר זיי זעען זיך שוין
זעלטן איצט.

☆

זינט יאָרן שוין האָט רחל אויפגעגעבן ס׳אייגן לעבן, נאָר מיט יוספס לעבן לעבט זי;
און זינט זי האָט געהערט אַ דרשה פון דעם מטיף לאומי און דערוווּסט זיך אַלץ פון דעם בעל שם,
טראַכט זי און טראַכט: — קען זיין, אַז א בעל שם איז אויך מיין זון... זי זעט מלאכים שוועבן
ארום זיין קאָפּ ביינאַכט, נאָר רעדן רעדט זי קיינמאָל נישט מיט קיינעם וועגן דעם.

☆

אָפּט פלאַטערן ווערטער אויף איר צונג, ווען רחל קומט מיט ווייבער פון איר ס׳גאַל צונויף זיך,
אויף די אַסיפות פון דער פּראָסקוראָווער פרויען־לאַנדסמאַנשאַפט;
אָט קומען זיך די פלאַטערדיקע ווערטער, ווי אַ טשאַטע טויבן, אין איר גליקלעך מויל צוזאַמען,
און אָט אַ גיבן זיי זיך ווידער אַ צעפלי — ווי ס׳וואָלט צעטריבן זיי געהיימע, בייזע קראַפט

און סודות עפּעס שוועבן צווישן זון און מאמען אין דער שטוב, דער יידישער אין הארלעם,
עס קען די מאַמע אָפּט נישט שלאָפן, און מיט אויגן צוגעמאכטע ליגט אויך יוסף וואַך.
זיי זעען ביידע שאָטנס הושן אין דער שטוב אַרומעט, איבער שענק און איבער טישן,
און שדים הערט אין נעכט, אין שלאָפלאָזע, די מאמע קלאַפּן אינעם שטילן דאַך.

☆

און ס׳פילט אפילו אויך דער מאַמעס הארץ, פאַרוואָס זי זעט די שדים אויף די דעכער,
און זעט מלאכים גראָד אין שטוב; זי פילט, כאָטש גלויבן ממש, גלויבט זי נישט דערין:
זעט זי אריינקוקן דאָס ייִנגל אין דעם זיידנס ספרים — זעט זי אין דער נאַכט מלאכים שוועבן;
און שדים אויף די דעכער הערט זי, ווען עס זאָגט איר יוסף — ער האָט היינט באַגעגנט דזשין.

☆

ער וואקסט, ווי ס׳וואקסט אַ ליד; געמיש פון שווארץ, ווייס, בלוי; זעסט איינמאָל ווען׳ס אין גאַס אים,
און זוכסט אים תמיד שפּעטער, ווילסט אים נישט פארלירן, כישוף האָט דיך צוגעשמידט;
ער וועט דיר אייביק שוין פון איצט אָן נאָכגיין ווי אַ ניגון, וואָס דו האָסט געהערט אין חלום,
און מ׳האָט דיך אויפגעוועקט, און ס׳איז געבליבן אַזאַ בענקשאפט נאָך דעם סוף פון ליד.

☆

ג

פריע יוגנט, ערשטע ליבע, חומש-לערנען

אַז דאָס יינגל האָט געהאַלטן איין יאָר צו בר מצווה, האָבן רחלס קומעס זיך גענומען מישן, זיי האָבן אַלץ געוווּסט, און איינגעטענהט מיט דער מאַמען, דער פאַרצוויפּלטער אַזוי: איר שפּאַנט אים קודם אין אַן עול־פּרנסה איין, און טאַקע אויף דער איסט־סייד, ווייט פון הארלעם; וועט ערשטנס גרינגער ווערן מיט א גראָשן, און ער וועט נאָך זיין אַ יידישער, אַ גוטער באַי.

☆

און ס׳איז אַן אמת אויך: זינט יוסף איז אַ שיקיונג ביי אַ גראָסער אויף איסט־בראָדוועי, האָט ער גענומען חומש לערנען גאָר ביים אלטן ייד, ביים וואַרשעווער, וואָס הייסט אווראָם, נאָר ס׳נאָגט אין טיפן האַרץ נאָך אַלץ די בענקשאַפט. איינמאָל קומט אַהיים ער מיט אַ בשורה; זיין בליק איז קלאָר, ווי הימל אויסגערעגנטער; נאָר קוקט מען טיפער, גליט ער ווי אַ פייער־תהום.

☆

— אבר׳ם, ווייסט מאַמע, האָט דאָך היינט אַ גרויסן סוד געלערנט מיט מיר אין סדרה בהעלותך — — הערסט, מאַמע מיינע, משה האָט דאָך אויך געהאַט אַ ווייב, אַ נעגערין, און גאָט געבליבן איז דאָך פאַרט מיט אים — — און אַז ס׳האָט משהס שוועסטער מרים אַ וואָרט, אַ שלעכטס גערעדט אויף אים דערפאַר, האָט גאָט באַדעקט איר גוף מיט ווייסן שחין.

☆

— מיין קינד, וואָס רעדסטו, קינד? — אין רחלס אויגן זענען טרערן אָנגעלאָפן — און ווער איז דער אברם? צי איז ער נישט אַ שווארצער ווידער, און דעם מילכמאַן טאָביטס פריינט? דו גייסט, מיין קינד, אַ שלעכטן וועג! — — נאָר יוסף האָט אין מאַמעס האַרץ זיך איינגעטוליעט און פון זיין חומש־לערנען איר דערציילט, אוןביידע האָבן זיך פון טיפן האַרץ צעוויינט.

און לאָמיר אייך אצינדערט שוין אנטפּלעקן אויך ווער ס'איז אברם: ער איז דעם גראָסערס טאַטע, אַ קלייטניק פון דער סמאַטשע-גאַס אין וואַרשע איז ער, און אַ הייסער חסיד פון די חסידי גער; געבראַכט האָט אין קאָלומבוסעס מדינה אים די „גראַבסקישע עגלה" פון די ערשטע פוילן־יאָרן, נאָר אין אמעריקע איז ער געוואָרן באַלד, ווי אַלע פון זיין ס'גאַל: אַן איבעריקער שווער.

☆

אויך איז אַן אַלמן דאָ געוואָרן ער, אַ חודש נאָך דעם קומען, און עס האָט אַבאַלד צום מושב-זקנים גענומען שטופּן אים אַיעדער: זון און אייניקלעך, און מער פון אַלעמען די כלב'טע די, זיין שנור; נאָר ער האָט איינגעשפּאַרט זיך און האָט יעדן איינעם אָט אַזוי מיט כעס געענטפערט:
— צ'עט רירן מאָך פון דאַנעט נאָר, ווען צ'עט אַרויפטון מאָך אויף יענער שוואַרצער פור...

☆

אַז מ'האָט אים כאַטש פון גראָסערי אַרויסגעשטופּט, האָט ער זיך איינגעפּירט אַ מצווה: אין פּאַרק צו דרשענען פאַר באַיעס יידישע, און לערנען מיט זיי חומש אויף אַ גאָרטנבאַנק. ער האָט געזאָגט: איך זייע קערנדלעך אין כביכולס גאָרטן... נאָר ס'האָט קיינער פון די באַיעס — חוץ אונדזער יוסף — ביי אַברמען אויסגעהאַלטן מער ווי צוויי־דריי וואָכן לאַנג.

☆

און ס'זענען יענע נאַכט שוין, נאָך דעם וויינען, זון און מאַמע נישט געשלאָפן, די מאַמע זעט כסדר טאַטעס פּנים שווימען, שוואַרץ און גוט און צופּיל כיטרע קלוג, זי טראַכט: ווער ווייסט, וואָס ר'האָט אין זין געהאַט, ווען ר'איז אין זייער נויט מיט הילף געקומען, ווען ס'איז איר פּענסיע דאַן געווען — צום שטאַרבן פּיל־צו־פּיל, צום לעבן — נישט גענוג.

☆

און זון און מאַמע האָבן אין דעם טונקלען צימער, מיט די פענצטער צו אַ הויכער, שוואַרצער מויער, געזען פינקלדיקע אויגן פליען, ווי עס וואָלטן פלוצלונג שטערן זיך פאַרבלאָנדזשעט דאָרט אַהין; צוויי אויגן פון אַ שד געזען האָט רחל — ענלעך צו די אויגן פון דעם שוואַרצן מילכמאַן טאַטיס און אויגן פון אַ מלאך האָט געזען איר זון, די אויגן פון דעם נעגערס טאַכטער דזשין.

און חוץ דעם האָבן זיך ביי אים געפּלאָנטערט אויך די אויגן אברם׳ס מיט די אויגן טאָביטס,
וויילביידע האָבן זיי מיט אים געלערנט אין חלום אויסנווייניק פּסוקים, זינגענדיק און שאַרף;
די פּסוקים וועגן משה מיט דער אִישה כושית. טאָביט לערנט נאָך דערצו אויף ענגליש שיר־השירים,
און ס׳זיצט דערביי אַ שווארצער שלמה, פּונקט ווי פּאדער־גאָד־דיוואין, און גרימפּלט אויף אַ האַרף.

☆

עס זענען זון און מוטער אויף צו מאָרגנס אויפגעשטאנען, ווי פון יענער וועלט געקומען,
זיי האָבן אָנגעקוקט זיך נאָענט, נאָר די הערצער בלאָנקען עפּעס פרעמד און ווייט;
און כאָטש זיי האָבן ביידע גאָר אַ וואָרט נאָך נישט גערעדט פון זיי׳רע נאַכט־חלומות,
דאָך דאכט זיך ביידן, אז פון אלע זייטן קוקן אויף זיי פרעמדע, פאָרשנדיקע לייט.

☆

עס האָבן טאקע לייט געפאָרשט, עס האָט געשמאַק אין פּלאָטקעס הארלעם
צונויפגעפּירט א שידוך צווישן דזשין און יוסף שוין;
און ס׳איז אַן אמת, אז געפּאסט זיי האָבן איינס צום צווייטן טאקע, אָט ווי גאָט אליין וואָלט
צונויפגעפּירט זיי, ווי צוויי איידל־שטיינער, אין זיין סודותדיקער בורא־עולם קרוין.

☆

ד

סוף פון דער ליבע, אַן אָנשפּאַר, באַגעגעניש

ס'איז איינמאָל רחל אויף אַ פּ ר ץ־אָוונט אין די בראָנקס געווען; אַן אַלטיטשקער אַקטיאָר האָט דאָרטן
בקולות ובברקים די באַלאַדע „מאָניש" מיט אַ לייבנשטימע דעקלאַמירט.
און רחל טראַכט: מיין יוסף — פּונקט ווי מאָניש, און מאַרי איז פּונקט ווי דזשין, די שוואַרצע...
זי האָט געוויינט מיט הארץ, כאָטש קיינער איז אין זאַל געווען אפילו אויף אַ האָר גערירט.

☆

עס האָט געפילט דער מאַמעס הארץ אַן אומגליק, נאָר געשטיקט האָט זי אין זיך די בשורה,
זי האָט מיט בליקן שפּעטער אָפּט דעם זון געוואָרנט, אָבער נישט אַרויסגעלאָזט אַ דעך פון מויל;
נאָר ס'איז געקומען גיכער ווי דערוואַרט. און ס'האָט זיך אויסגעדאַכט דער מאַמען,
אַז פּונקט ווי מאָניש, דאָרט אין ליד, וועט זיין פאַרשלונגען יוסף אין גיהנמס פינצטערן שאול.

☆

אין גליענדיקער יולי־נאַכט אַמאָל געשטאַנען זענען דזשין און יוסף ביי דעם ברעג פון
הארלעם־ריווער,
און זע, עס טאַנצן פּלוצלונג צוויי כאַלאַסטרעס ייִנגלעך אַרום זיי אין ווילדן ראָד,
די גרעסערע כאַלאַסטרע — שוואַרץ, עס איז דאָך הארלעם, קלענער איז דאָס ראָד, דאָס ווייסע,
אוןביידע קרייזן זינגען אין אַן אוניסאָן פון קוויטש אַ גאַסן־ליבעסליד אויף שאַנד און שפּאָט.

☆

און ווייסע חברה, שוואַרץ די הויט, צי ווייס די הויט, אַריין איז אין אַ גרויזאַמער התלהבות,
און „טאַנצן!" קאָמאַנדירן זיי אָט דאָ אין ווייסן, און אָט דאָ אין שוואַרצן כאָר,
אויב נישט, וועט בלוט זיך באַלד, ווי וואַסער, אין דעם הארלעם־ריווער נעמען גיסן
פון קעפּ פון דעם אויף הייסער זינד פון האַלדזן זיך געכאַפּטן ווייס־און־שוואַרצן פּאָר.

ס׳האָט יוסף ביי די ווייסע ברידער זיינע זיך געגומען בעטן פול מיט שרעק און בושה,
עס האָט ביי אירע שווארצע ברידער מיט׳ן גאנצן גוטן הארץ זיך אויך געבעטן דזשין,
נאָר קיינער הערט. און אָט אָ פּאלט שוין אַ קאָמאנדע: שטיינער! און שוין לאָזן ריטשקעס בלוט זיך
אַראָפּ פון פנימער פון די געשלאָגענע, ווי פּיסלעך פון אַ גרויסער, רויטער שפּין.

☆

אויף טויט געהרגעט האָט מען נישט, נאָר שטארק די יונגע, שטאָלצע, גלויבנפולע קעפּ צעבלוטיקט.
און ווידער אַ קאָמאנדע: סטאָפּ! מען פליט און שרייט: אַ טויט — ווער רופן וועט אַן אַמבולאנס!
ס׳האָט אַ שטיק העמד פון זיך אַראָפּגעריסן יוסף, און דזשין אַ שטיק פון ליליע־ווייסן קליידל,
זיי האָבן איינס דעם אנדערן די קעפּ פארבונדן און אוועק אהיים מיט בלוט באקראנצט.

☆

ס׳האָט טאָביט יענע נאכט, ביז מילעכווייסן טאָג, אריינגערעדט אין שווייגנדיקער טאָכטער,
ס׳האָט רחל ביי איר זון ביז קריאת שמע׳דיקן מאָרגן־בלוי געפּרוווט דערגיין דעם סוד:
ס׳האָט דזשין אין היץ געזעען טויבן ווייסע פליען — נאָר מיט אָפּגעהאקטע קעפּלעך,
ס׳האָט יוסף מיט פארקלעמטע ציין געטראכט, אז ס׳איז דאָך פאָרט אויף משהס זייט געשטאנען גאָט.

☆

צו מאָרגנס מיטאָגצייט האָט שוין דער מילכמאן טאָביט אויסגעצויגן זיך פון הארלעם,
אזוי האָט אים געעצהט אויפן טעלעפאָן דער קלוגער פאדער־גאָד־דיוואין,
און קיינער, חוץ דעם פאדער, ווייסט נישט ווו ער וווינט אצינד. פון הארלעם איז אוועק אויך רחל,
כדי אָט איצט, נאָך גרויסן אומגליק, נעענטער מיט די חברטעס, די יידישע צו זיין.

☆

און אין דעם זעלבן טאָג פארנאַכט האָט יוסף, ציטערדיק אין טעלעפאָנען־ביידל,
אַ וואָרט געגאַרט פון דזשין, נאָר ס׳האָט זיך נישט קיין האנט געריִרט אויף יענער זייט.
איז יוסף שטום געבליבן שטיין און האָט דערזען אַ זעאונג פון אַ ים — און כוואליעס,
וואָס קומען און פארדעקן אלץ, און ס׳בלייבט אַ האָפנונגסלאָזע, גרעניצלאָזע ברייט און ווייט.

עס האָט די מאמע זיינע שטום געליטן מיט אים. אָ, ווי וואָלט זי גערן אים געהאָלפן —
זי האָט אים איינמאָל שטיל, פארשעמט, אין אויער איינגערוימט אַן עצה: גיי, מיין קינד,
צו טענץ — —
ער האָט געפאָלגט, נאָר דאָרט געשטאַנען פון דער וייטן פון דער סטאדע פוסטע יונגען, מיידן — —
אַ בלויער הימל־פויגל, וואָס אראָפּגעפאַלן איז מיט פליגל איינגעבראָכ'נעם אין א סטאדע גענדז.

☆

דאָך איינע פון די מיידלעך האָט ער פאָרט צו זיך אהיים פארבעטן,
ווייל אין די בלויע אויגן אירע האָט געפונען ער זיין מאמעס טרויעריקע בענטשליכט־שיין.
ער האָט געטראכט: איך וועל דאָך קיינמאָל מער שוין קיינעם אין מיין לעבן ליב נישט האָבן,
נאָר בענקען בענקט עס דאָך אין מיר, נו וועט דאָס מיידל מיר — אַ שוועסטער זיין.

☆

און ער האָט טאקע שטיל צו איר גערעדט, ווי ס'רעדט אַ ברודער צון אַ שוועסטער;
ע ר רעדט, א י ר מויל פארהילט איז מיט אַ שמייכל־שווייגן, און די אויגן קוקן טיף, ווי סוד.
אָט פירט ער זי שוין צו דעם אלמערל פון עפל־קעסטלעך, ווו געהאַלטן ער האָט זיין ירושה —
און אין ד ע ר רגע שיקט אראָפּ זיין ליבע־מלאך אויף דער ערד, פון הימל — גאָט.

☆

נאָר לאנג האָט זיך דער מלאך נישט געדארפט אין יוספס שטוב פארזוימען,
ווייל ס'האָט דער סוד פון אויגן זיך אנטפלעקט, דאָס שווייגמויל האָט זיך הויך צערעדט:
— יאָ, פונקט אזעלכע „בוקס" זען' אויך ביי אונדז אין שטוב געוועזן —
און אז דער טאטע איז געשטאָרבן, האָט מען זיי אפירגערוקט פון אונטערן בעט

☆

און אויף קאנאל־סטריט זיי פארקויפט פאר זיבן גוטע קוואָדערס,
און זיבן מאָל געגאנגען אין די טאָקיס, דריימאָל איך אליין, מיין יונגער ברודער — פיר.
און ווי זי האָט געזאָגט די רייד, האָט יוסף באלד דערפילט ווי ס'גענעצט אין אים אָפּגרונט,
און האָט דערזען אַ וואנט פון הימל ביז דער ערד, נאָר אין דער וואנט אַ קליינע רעטונגס־טיר

און דורך דער טיר האָט ער ארויסבאַגלייט דאָס מיידל. און איינזאַמקייט איז ווידער צוגעפאַלן.
און פּלוצלונג פילט ער ליכט; ער רעדט: ביז איצט געווען בין איך לויטער מאַמע מיינע, לויטער גוף!
און ווי א בוגרת הערט דאָס בלוט אירס רופן פון דער טיף — האָט ער אין גייסט דערהערט אַ רופן:
אָ פאָטער קום און פיר מיך! ער האָט דריימאָל הויך געזאָגט דעם גרויסן פאָטער־בענקשאַפטס־רוף.

☆

און ער איז הייסער נאָך אַצינד צום גערער חסיד צוגעפאַלן אין זיין גאַרן נאָך א פאָטער,
און ווען ער האָט א פרייע שעה געהאַט צו מיטאָג, אָדער נאָך דער ארבעט אין פארנאַכט,
האָט ער ביים אַלטן ייד געלערנט. איינמאָל האָט ער דעם קנאי די ספרים און די ביכער,
זיין איינציקע ירושה פון דעם ווילנער זיידן, אויף אַ קוק צו טון אין זיי, געבראַכט.

☆

נאָר ווי דער אַלטער האָט דערזען די ספרים און די ביכער לשון־קודשע און יידישע,
האָט ער געגנומען שרייען אויף אַ קול: ס׳איז פּע! טריף פּסול! ווארף אַוועק! ס׳איז נישט!
און יוסף האָט מיט גרויסע אויגן אויף דעם ייד געקוקט און נישט פאַרשטאַנען גאָרנישט,
נאָר ר׳האָט די ביכער צוגעכאַפּט, זיך אויף א ווייטער באַנק געזעצט, און האָט אין זיי געמישט.

☆

ס׳איז הייס געווען דעמאָלט אין ניו יאָרק, סעפּטעמבער ניינצן־הונדערט ניין און דרייסיק,
די ווייטע וואָלקנהייזער גליען, האָבן איינגעטונקט אין ברענענדיקן הימל ברענענדיקע קעפּ;
גראָד בין אויך איך אין פּאַרק געווען, געגלאָצט ארויף און, פּונקט ווי יעקב, האָב איך
געזען לייטערס הימלישע — נאָר שדים טאַנצן אויף און אָפּ האָב איך געזען אויף די טרעפּ.

☆

עס איז געווען אין זעלבן טאָג ווען ס׳איז געוואָרן קלאָר, אז דער ימח שמו וועט גיך צעטרעטן פּוילן,
אין בלוט דערטרענקען, בליצן שארף מיט זיבן־מײַלן־שריט, און ס׳גאַפט די וועלט ווי שד געווינט.
איך האָב מיך צוגעזעצט אין פארק אויף איסט־בראָדוועי — געזעסן און אַ ליד געשריבן,
דריימאָל אין יעדער שורה: בלוט — און נאָר דאָס ליד אליין, ווי יעדעס ליד, פּאַפּיר און טינט.

און פלוצלונג זע: א בחור מיר אנטקעגן זיצט און מישט און בלעטערט אין א פּאַק פון ביכער,
און ס׳דאכט זיך ווי ער וויל זיי אונטערוואַרפן דאָ אויף אָט דער גאָרטן־באַנק,
און עפּעס וויינט דער בחור, וויינט מיט טרערן פון פארלוירנקייט און פון צעמישונג,
נו גיי איך צו, און פיל, אז מיט מיר גייט אַ טרויער־ליד אין אייגענעם, פארלוירענעם געדאַנק.

☆

— כ׳בין יוסף! זאָגט ער, און ווי זון אין רעגן שיינען זיינע אויגן אין די טרערן,
און כ׳זע, אז טרערן שוין אַסך אין די צעשאָט׳נע ספרים האָבן דאָ געפּלייצט אריין,
און באלד נעמט ער דערציילן מיר די מעשה פון זיין לעבן. — — אז ער האָט געענדיקט,
האָב איך געזאָגט צו אים גאנץ פּשוט: אויב דו ווילסט, וועל איך פון איצט דיין חבר־לערער זיין.

☆

געענטפערט האָט ער גאָרנישט, נאָר ער האָט זיין יונגע, און שוין מידע, האַנט דערלאַנגט מיר,
און איך האָב אים, און ער האָט מיך, זינט דעמאָלט ממש ביי דער האַנט געפירט,
און אלץ, וואָס ס׳האָט מיין הארץ געפּילט די יאָרן אלע, האָב איך אין זײ ריטמען דאָ אריינגענומען,
און כ׳האָב דאָס ווערטער־פעלד מיט גראַמען אויך, ווי לאָנקע־בלימלעך, פּשוטע באַצירט.

☆

ה

ערשטע מלחמה־יאָרן, ביכער און ספרים
און דאָס אָפּענע בוך פון לעבן

פאַר ווי איז, ווי איז מיר, ווייל פון דעם אָוונט, ווען די מעשה איז אין מיין נשמה אויפגעגאנגען,
ביז כ'האָב זי צון אַ סוף דערפירט, און ברענג זי, מיט אַ ציטער אין מיין הארץ, פאַר אייך,
איז אונדזער פאָלק, וואָס האָט צו בלוטיקן אין יענעם טאָג ערשט אָנגעהויבן — אָפּגעגאנגען
אַ גאַנצן באַרג מיט מענטשלעך אַש — און מענטשלעך בלוט — אַ וועלטן־ברייטן טייך.

☆

אַ קנאַפּן יאָר, נאָך יענעם טאָג אין פּאַרק, האָט יוסף אָפּגעפּראַוועט זיין בר מצווה;
צו צוועלף האָט מען דעם יתום שוין געגרייט צו אָנטון אונדזער אַלטע קרוין, וואָס הייסט תרי"ג.
דריי שטילע שכנות הארלעמער געפּאָרעט האָבן זיך ביי אים ארום דער סעודת מצווה,
און איינע, אַן אלמנה האָט געגעבן אַ מתנה — פון איר טויטן מאַן אַ סאַמעטענעם תפלין־זאַק.

☆

איך בין געשטאַנען פון דער ווייטן אין די טעג פון דעם בר מצווה־ווערן; עמיצער, אַ פרעמדער
געזאָגט האָט אין אַ דושנעם שולעכל דעם ברוך שפטרנו מיט אַ האָלצערן קול.
און ווי ער איז געקומען ראַשיק דער בר מצווה־פּלאָנטער — האָט ער גיך זיך אויסגעפּלאָנטערט,
נאָר הענגען איז געבליבן איבער יוספס קאָפּ סאַי־ווי אַ לייכטנדיקער און נאָך ווייטער נייער עול.

☆

געגאַנגען זענען יאָרן ניין זינט דעמאָלט, ווי די וועלטן־שעהן ביז צום הימל קלינגענדיקע,
דער ייד פון מזרח־מערב, ווייזערס צוויי פון אָט די שעהן; פּנים פון דער ערד איז ציפערבלאַט.
איך האָב מיין חבר־תלמיד יעדן טאָג כמעט, צו מינחה־שעה באַגעגנט, און איך בין נישט קיינמאָל
צו לערנען אים געוואָרן מיד — און הערן זיינע ענטפערס, קיינמאָל נישט געוואָרן זאַט.

נאָר טרעפן פלעגט, אַז אלע ביכער, אַלע ספרים, וואָס מיר האָבן זאלבעצוויַיט געלערנט,
געוואָרן זענען פלוצלונג אָט ווי בינטלעך בלעטער אָפּגעוויאַנעטע אין אונדז׳רע הענט,
און דעמאָלט זענען אויך די הארץ צו הארץ־געשפּרעכן צון אַן אָפּגרונט צוגעקומען,
און פרעמדע קוקן מיר אין פּנים זיך, אָט ווי מיר וואָלטן קיינמאָל גאָר זיך נישט געקענט.

☆

די ספרים ווערן דאַן פאַרמאַכט, ווי מען פאַרמאַכט אַ מויל, וואָס פלאַפּלט נאַרישקייטן,
און ליפּן ווערן שטום; אַ ספר, וואָס מען האָט מיט כעס צוגעפּראַלט.
און אויפצורייסן פלעגן דעמאָלט מיר דאָס ספר פון דעם לעבן, מיט די טויזנט בלעטער, גאַסן
פון ברוקלין, בראָנקס, מאַנהעטען — און מיר גייען, גייען, בלעטערן שטום; דער אָוונט פאַלט.

☆

פאַלט טויב און קאַלט אויף דעם פאַר־פּסח ניינצן־הונדערטדריי־און פערציק.
פון געטאָ וואַרשע שיקט געהיימע האַנט א יעדע שעה פון טאָג און נאַכט אַ ראַדיאָגראַם:
— אָ, ראַטעוועט מיך, צווייגן יידישע! אויף אַלע פיר קריכט יידן ביז קיין וואַשינגטאָן — און דאָרטן
ביי טירן פיגרט, פאָדערט הילף פאַר מיר! איך ווער צעזעגט, פאַרברענט, איך, אייביק
היי׳ל׳קער שטאָם!

☆

עס שווייגט די שטאָט. נאָר פלוצלונג זע, אַ הוטשנע חתונה פאַרהילכט אַ גאַס אין ברוקלין;
ציילינדערס מישן זיך מיט שטריימלען, רויטע פרויען־ליפּן מישן זיך מיט בלוינע מענער־קערק,
אַ מאַרשעליק שיסט גראָבע וויצן און קלעזמאָרים טראַסקען דזשאַז־ניגונים; פענצטער הפקר־אָפן,
עס שטינקט דאָס פלייש פון ברייטע שיסלען, ענגע קליידער, טייכן טשיקן־זופּ און ביילעק־בערג.

☆

מיר שטומען, וואַרטן — עס זאָל אַלץ דאָס מויל פון ערד פאַרשלינגען, אָט ווי זייער פּיסק די פליישן,
און וואַרטנדיק מיר זענען צו אַ רינשטאָק צו אַנטקעגן און געזעצט זיך שבעה אויף דעם טראָטואַר.
נאָר ס׳האָט דער תהום זיך נישט געעפנט — נייערט נאַכט האָט יוספן און מיך אַרומגענומען,
און אין די אויערן האָט אונדז אַריינגעקלונגען עפּעס אַזאַ גלאָק פון האַלץ; געהילכט: דו נאַר!

נאָר איינמאָל זענען מיר פאַרגאַנגען אין א שולעכל אַ קליינעם, ערגעץ אין דאַון־טאַון־מאַנהעטען,
געטראָפן צו אַ פראָסטן מעריב אין אַ דאָנערשטיק, אַ זומערדיקן, פול מיט טומל און מיט שטויב,
ס׳דערציילט דער שמש אונדז, אַז אָט די יידן פּאַסטן צווייאָל אין דער וואָכן, ווייל אבלים
זענען אַלע,
און צוויגן אָפּגעבראָכענע פון דעם פאַרברענטן שטאָם פון פאָלק; און יידן, אויב —

☆

איר ווילט דאָ אויך אריינכאַפּן אַ מיצווה פון אַ אָרעמאַנסקען, וואַכעדיקן קדיש,
איז נאַט אייך יאַרמלקעס — — — און באַלד עס האָבן זיך צעכליפּעט הונדערט קולות אין געוויין.
מיר האָבן צוגעדריקט זיך צו דער וואַנט, געפילט די כותל מערבי און זי פייכט געמאַכט מיט טרערן,
און מיטגעשעפּטשעט מיט דער יאָמערדיקער עדה יידן מיט דעם גאַנצן הארץ — אמן, אמן!

☆

אַן אַנדערש מאָל, אַ יאָר שוין שפּעטער, ווען די לעצטע רעשטלעך יידן האָבן דאָרט אין פּוילן
אויף שייטערס ערגעץ נאָך דערברענט, אויף תליות ערגעץ זיך אין ווינט צום טויט דערוויגט,
פאַרגאַנגען זענען אין א פּרייטיק אָוונט מיר אויף עוועניו, אויף פיפטער —
און פלוצלונג שטראַמען ליכט — עמנואל! — גאָטס שענסטן טעמפּל האָבן מיר דערבליקט.

☆

און זענען דאָרט מיט אומרו אונדזערער אריין. נאָר רויק איז דאָ אַלץ און פעלזן־זיכער;
אָט איז דער פעלז, אָט גאָט אַליין, אויף בימע זיצט ער אין אַ ווייסן פראַק, ווי׳אַ סטרונע שטייף.
און מיר — אריין, און באַלד ארויס. און יוסף פרעגט: האָב איך דאָרט גאָט אין שטול געזען טאַקע?
— יאָ, יאָ, מיין זון; געבלוטיקט האָט מיין מויל; איז נישט ארום זיין קאָפּ פון דאָלאַר־גאָלד אַ רייף?

☆

און איינמאָל האָב איך אויך מיין זון געגומען אויף דער סעקאַנד־עוועניו צו פּען־חברים מיינע,
געזאָגט: ער איז א וויטער קרוב — און געזעצט זיך ביי אַ זייטיק טישל אין קאַפע ראָיאַל.
חברים זענען צוגעקומען און גערעדט פון אַלץ און גאָרנישט, נאָר אין יעדנס ווערטער
געקלונגען האָט /מיין זון האָט עס באמערקט/ א טונקלע סטרונע, ווי א טרויער־שטראַל.

און איינמאָל האָב איך /אַז מיין זון זאָל אַלצדינג וויסן/ אינעם דזשאַינט אים מיטגענומען.
עס רופן ריטמיש הונדערט שרייבמאַשינקעס: גיט מיליאָנען, גיט פאַר ברויט און נויט און יידן־טויט!
און הונדערט יידן־מיידלעך אַלע פּערטל שעה אין הונדערט שפּיגלען קוקן; אכצן דירעקטאָרן
שפּאַצירן צווישן זיי אַרום, באַקליידט מיט גאָלד און זייד און קרעכצן פון לאַנגווייליקייט.

☆

און דאָך, האָב איך מיין זון געלערנט, איז דאָס די שאָלעכץ נאָר פון גרויסן וואָרט צדקה,
און אָט ווי ווידערדיק דאָ איז, וואָלט אָן דעם גישט געקענט קיין סדר זיין און נישט קיין טאָלק.
דו הער זיך טיפער, טיפער, טיפער איין אין דעם געקלאַפּ פון אָט די הונדערט שרייבמאַשינקעס,
און וועסט דערהערן ווי עס קלאַפּט דורך זיי אַ האַרץ פון אַ געפּריוווט יסורים־ און צדקה־פאָלק.

☆

אַ יאָר און נאָך אַ יאָר אין דעם צוויי־וועלטן־קריג איז ווידער אָפּגעלאָפן; דער נצחון־זאַמען,
וואָס איז מיט טייכן בלוט געפלאַנצט געוואָרן אין דער וואָלגע־דאָנער שוואַרצערד־פעסטונג
סטאַלינגראַד,
איז אויפגעגאַנגען אַלעמאָל אין אַנד׳רע לענדער; אָט פאַריז אין מערב, אָט אין מזרח קיעוו,
אָט איז שוין וואַרשע פריי, בערלין אין חורבות, און מען איז שוין ווידער צד אַנטקעגן צד.

☆

און ס׳שטייען שוין די צדדים, וואָס עס האָט נאָר וואָס אַ לייכטנדיקער חלום־שטערן שטאַרק
פאַראייניקט,
מיט פנימער, מיט פינצטערע. ווער טראַכט פון נעכטנס זיג? מען איז שוין ווידער פול מיט חשד.
און דאָ קומט פלוצלונג גרויסער מאָנער פון דער וועלט־געשיכטע מיט דער מאָנונג יידישער,
און מאָנט אַ דריטל פאָלק, און פאָדערט אָנצוהויבן באַלד אויפסניי אַ פאַרצווייטויזנטיעריק בלאַט.

☆

און אָט אַזוי איז עס געשען, אַז איינמאָל האָבן מיר פאַרבלאָנדזשעט צווישן יונגע יידן־מענער,
אַזעלכע, וואָס געווייניטלעך שרייען הויך: — אַ שיני בין איך און בין שטאָלץ צו זיין אַ ייד!
נאָר איצטער האָבן זיי געגרייט זיך פליען אין דער יידישער מדינה, אויסגעשטרעקט
אויף בראָכשטול,
צו העלפן איר מיט לעבן אייג׳נעם, אָדער טויט. זיי האָבן אַלע ווי דער סנה געגליט,

כאָטש האָבן נישט אַליין געוווּסט, פון וווּ ס׳איז ליכט אין אויג, דער פלאַם אין בלוט געקומען;
ס׳איז פלוצלונג פול געוואָרן ס׳הארץ מיט ליד; דאָס אויג מיט טרערן פון אַ טיף געוויין.
זיי האָבן אויפגעהויבן קעפּ צעפּיעסטשעטע פון ווייסע קישנס — און געטראָגן אויף
אוועקצולייגן ערגעץ,
מיט קויל אין שלייף אויף ווייסן, הייסן, שאַרפן, אַזוי ווייטן, אַזוי נאָענטן מדבר־שטיין.

☆

און טאָמער וועט מיך פרעגן ווער, צי האָבן מיר אמעריקע, דער וועלטס דינאַמאָ, נישט
געזען ארום זיך,
פאַרזונקען ראשו־רובו אין מחשבות יידישע, אָט ווי ס׳וואָלט גאָר קיין גרויסע וועלט געווען אַרום?
דעם וועל איך ענטפערן: מיר האָבן אַלץ געזען, געהערט און מיטגעלעבט און ביזן דנאָ פארשטאַנען,
און דווקא ווייל מיר האָבן אלץ ביז דנאָ באַנומען — לאָמיר בעסער וועגן דעם שוין בלייבן שטום.

☆

ז

דער מוטערס וואָרטן, דער פּרץ־אָונט,
דער פּרעג־צייכן, די פּייערדיקע שלאַנג

אַ שטילער שאָטן איז שוין יוספס מאַמע: שווייגנדיק באַגלייט ער אונדזערע וויכּוחים
דורך מעת־לעתן,
דאָך עפּעס הערט דער שאָטן, זעט ער פונדערווייטן. עס איז אונדזער אויפּפיר קיינמאָל איר צו לאַסט.
צי וואַרט זי אויף משיחס קומען ממש? אָדער קוקט זי נאָר אַרויס דעם טאָג פון זונס נתגלה־ווערן?
אָפּט לויפט זי צו דער טיר און עפנט פּלוצלונג זי, ווי פאַר אַ רואה־אינו־נראה־גאַסט.

☆

און דאָ הויבט זיך ערשט רעכט דער סיפּור פון דער מעשה אָן: אַן אָוונט ווידער, כּלו כּל הקיצין,
די וואָלקנהייזער גליטשן אויף מיין קאָפּ אַראָפּ, ווי הויכע אַלפּן־בערג, לאַווינעס זאָרג.
נאָר מיט טריומף עס ברילן פונקט די צייטונגען די יידישע, ווי לייבן אין דער מדבר,
גרויסע בשורות.
דאָך מיר איז פינצטער סאַי־ווי־סאַי. עס טרעפט זיך אָפט אזוינס מיט יידן־דיכטער אין ניו יאָרק.

☆

און דאָ דאַרף דרשנען איך היינט. נאָר לעצטנס איז עס גרינגער, ווייל איך נעם אויף די אסיפות
דעם חבר־יורש מיט. איך רוף אויך היינט אים. אָט אָ זיצן מיר אין סאָבוועי — און זי פליט —
אַ פויגל אונטערערדישער. עס דונערט אייזן, כלאַפּעט כוואַליעס יידן, איירישע, פּאָליאַקן,
רוסן, נעגער.
מיר זעען־הערן נישט — פאַרפלאָנטערט אין לאַאָקאָאָנישן געפלעכט פון פראַגן: גאָט און גוי און ייד.

☆

איסט־בראָדוועי! סטאָפּ! איך זעץ מיך אויף אַ באַנק, איך וויל אַליין־זיין איצט אַ פערטל־שעה כאָטש,
איך דאַרף דאָך רעדן באלד — אַ פּרץ־יאָרצייט. דביקות איבערקומט מיך, אַ נשמה־ברי, אַ פונק,
די אינגעווייד דערהערן שוין די שאַרפע פּרץ־שטימע לויטער רופן: — צום מענטש
אויפן יידישן וועג!
און ס'ווערט מיר באַלד, ווי כ'וואָלט געגאַנגען טבילה אין אַ פייער־טייך פון דער באַגייסטערונג.

ס׳איז די אַסיפה אויף איסט־בראָדוועי, אין א זאַל אַן אלטן און פארגעס׳נעם,
אַהינטער אַ געפלעכט פון אייזן־טרעפ, פּאַררויכערטע, פון שפּינען ריזיקע פּארוועבט.
דער עולם אויף דער דאָזיקער אסיפה — פרעגט שוין בעסער גאָרנישט —
שוין היפּשלעך אַלט און, צווישן אונדז זאָל בלייבן עס, ר׳איז היפּשלעך אויך פאַרגרעבט.

☆

צוויי פּענער אויף דער וואַנט: אַמעריקעס, אַן אַלט־פארשטויבטע, נאָך פון טעדיס צייטן,
און ביי דער זייט אַ פינקל־נאַגל־נייע, מיט די הימל־בלויע פּאַסן און מיט דודס שילד.
איך בין אַרויף אויף דער טריבונע און מיין חבר האָט געזעצט זיך מיר אַנטקעגן.
ער קוקט מיט אויגן גרויסע, אָפענע אויף אלץ — און טרערן האָבן זיי פאַרפילט.

☆

— יעמוד! — מען האָט מיך אויפגערופן רעדן און — פאַרשטייט זיך — נישט געדענקט
דעם נאָמען,
כאָטש כ׳האָב — נישט פאר מיין כבוד וועגן — מיט דעם פאָרזיצער דעם נאָמען
פריער איינגעקנעלט.
אַ האַלבע שעה פון וואָרט־זיגזאַגן — און מיין דרשה איז געענדיקט, און נישט פרעגנדיק
ביי קיינעם,
דעם יונגען חבר מיינעם מיט אַ פּלוצעמדיקער קורצער רעדע האָב איך פאָר דעם
עולם פאָרגעשטעלט.

☆

און ווי איך שטעל מיין חבר פאָר — עס זעט מיין אויג אַ זעאונג: זעט די יידן די אַמעריקאַנער
אין גליצערדיקן ים פון יום־טוב אייביקן און זשומשענדיקן אין אַ פוסטן קאָך;
נאָר אָט אַ זע איך אויך אַ שפּאַלטן פון דעם ים זיך — רעכטס נאָך יום־טוב, לינקס נאָך יום־טוב,
אין מיטן איז אַ וועג, ווי דורך דעם ים סוף. ס׳איז אַ סטעזשקע הייליקע פון ניכטערקייט
און תמיד־וואָך.

☆

און ווי איך האָב דעם וועג דערזען — האָט ווי אַ כישוף־קייט זיך רינג אין רינג, צונויפגעשלאָסן
די פרק־רעדע מיט מיין גרוס און רוף צום יונגען חבר. און אזוי גייט ווייטער גלייך מיין חלום־ליד:
איך האָב אַ פרעגונגס־צייכן, פון דער בריק ביז צו דער סטעליע, אינעם רויך פון זאַל אריינגעמאָלן;
דער פרעגונגס־צייכן האָט גענומען לעבן, און זיך באַלד וו׳א פייערשלאַנג אין רויך צעגליט.

און שטורעמדיק האָב איך גערעדט, כאָטש ס׳איז נישט מער מיין טבע אין די עלט׳רע יאָרן:
— איך מיינט, דער יידן־יום־טוב, וואָס די ראַדיאָס ברילן, איז אַ נס? דאָס האָבן דורות זיך
אין יאָך און וואָך געשפּאַנט געמיט,
דעריבער און דעריבער נאָר האָט אויפגעבליט דאָס יידיש לאַנד. נאָר כאָטש עס איז
אַ וווּנדער־בליאונג,
האָט נישט ווי בלום צעבליט זי זיך פון זיך אַליין, נאָר האָט אין בלוט און פייער אויפגעגליט.

☆

דור אויס, דור איין, דורך בלוט־און פייערדיקע לענדער, האָבן מיר געטראָגן
דעם חלום פון אַ וועלט אָן בלוט־פּאַרגאָס, אָן פייער־בראַנד.
געפירט פון אַ משיח אויף אַ ווייסן פערד, אַ לייכטן ווי אַ וואָלקן,
געהאָפט מיר האָבן קומען בלויז מיט שלום־גרוס דערהויבענעם צוריק אין לאַנד.

☆

מיר זענען דאָך געווען גרייט שוין אין דער אורצייט, אין דער גרויער, אַל דאָס אייזן
צו האַלטן נאָר ווי אַקערס אין דער פּרוכפּערדיקער, זאַפטן־פייכטער ערד.
נאָר ס׳רייסט די וועלט כסדר פון דער שטילער ערד ארויס דאָס אייזן, אויף צו שמידן
פון געבענטשטן, זעטנדיקן אַקער — בלוטנדאָרשטנדיקע, טויטנהונגעריקע שווערט.

☆

אין ווי אונדז! זינט מיר האָבן אויפגעהויבן נאָר די שווערט, פון וועלט אונדז צוגעשליידערט,
האָט זי אונדז דאָך נישט איינמאָל בלוטבאַפלעקט — אָן אייביקייט שוין ריינע הענט!
איז לאָמיר האַלטן זי לית ברירה, נאָר שעלטן אויך און שרייען: וועלט — מיר וואָלטן
זי שוין לאַנג צוריק אַריינגעאַקערט — וואָלט דער וועלטנגאַנג געווען פון אונדז געווענדט.

☆

אַ ווי! נישטאָ קיין נסים אויף דער וועלט פאַר קיין שום פאָלק נישט, און אוודאי נישט פאַר יידן,
קיין אייזן האָט זיך קיינמאָל נישט פון זיך אַליין צעגליט, וואָס פריער נישט אין אַנגסט געשמידט!
אוודאי האָסטו צוגעלייגט אַ האַנט און מיטגעקאָוועט סאַי דעם אַקער, סאַי די /ווי אונדז!/
שווערט ישראלס!
נאָר וווּנזשע ווערסטו קאָוון דיין נשמה, דו פאַרווירטער, פילמיליאָניקער, אַמעריקאַנער ייד?!

ס׳איז אמת, אַז עס האָט אַ האַנט, אין פליישׁ אַ שטאַרקע, נאָר אין גייסט אַ שלאַבערדיקע,
ביז איצט געפירט דיך און פאַרפירט אין אָט דעם כף הקלע,
און מיטגעשלעפּט האָסטו שוין דורות צוויי נאָך זיך, צוויי ליכטיקע און גאָלדנע,
נאָר נאָך איז נישט צו שפּעט אין נייעם אויפשטייג צו פאַרוואַנדלען אַלטן אָפּגרונט־פאַל.

☆

צי האָסטו דען פאַרגעסן שוין, ווי פריער מיט אַ דור, צי צוויי אינגאַנצן
געוועזן איז דיר צו מוט אין הארצן גרויס און וווּנדערלעך,
ווען דו האָסט דאָ דאָס ערשטע מאָל; דו ליטווישער ישיבה־בחור, פּוילישער מנחם מענדל,
דערזען די לייכטנדיקע פרייהייטס־פּרוּוו, דעם מאָנומענט פון שווערן בלעך?

☆

אוודאי בויען זיי דאָרט אויף אַ לאַנד, און זאָל מיט מזל זיין! נאָר וואָס וועט זיין מיט דיר דען?
דו ביזט דאָך נאָך אַליין קיין מת נישט, און אוודאי נישט דיין קינד און קינדערס קינד!
קענסטו דען לאָזן דיין משיח־חלום פון אַ וועלט־דערלייזונג
צעפליען זיך ווי רויך פון קוימען און ווי פּלעווע אויפן ווינט?

☆

דו גרויסער כמות! איז דען נישט דיין שטאָם ביי מענטשהייטס־טרוימער,
וועלטפאַרבעסערער געוועזן
פּילטויזנט יאָרן סאַמע ערשטער בעל חלומות, דער חלומות־פּרינץ?
נו ווילסטו, אָט די בכורה אין דער וועלט, אַצינד פאַרהאַנדלען פאַר אַ דזשאָב, אַ הויז, א קאַר אים?
אָט פּונקט ווי עשו האָט פאַרקויפט די בכורה פאַר אַ טאָפּ מיט הייסן לינדז?

☆

צי ווילסטו דען — דערמאָן דיך נאָר די וויזיע פון דניאל, דיין גרויסן נביא! —
דאָ ווערן עפּעס ענלעכס, ווי עס איז זיין אויסגעפאַנטאַזירטער ריז?
דער חילוק נאָר: דיין קאָפּ פון ליים, דיין האַרץ — פּאַפּיר, פון גאָלד און זילבער
דער מעכטיקער געשטעל פון דיינע פוס־באַל־שפּילער פיס — —

נאָר וואָס האָב איך מיך — אַלטער מאַן — צו אַלטע לייט צערעדט? גלייכס פּילט צו גלייכס
קיין דרך ארץ!
אויב רעדן, און די ווערטער זאָלן זאַמען זיין, דאַרף רעדן אַלט צו יונג, צי יונג צו אַלט,
שתי צו ערב, טיף צו הייך, לענג צו ברייט, און דעמאָלט ווערט געוועב דערפון און ווערט
אַ גאנצקייט.
שטיי יוסף בן ישראל אויף! שטיי, מאָרגן, אויף! דער נעכטן זאָל דיך הערן היינט — און באַלד!

☆

ז

דער לעצטער תהו ובהו, די אייביקע ווונד

אוז יוסף האָט, ווי פון אַ חלום אויפגעכאַפּט זיך, און ארויף אויף דער טריבונע,
און באַלד גענומען רעדן שאַרף. איך קוק אויף אים — אַ לייכטער זיג! איך שטראַל פון גליק.
נאָר ווי ער רעדט און בלאַנדזשעט באַלד העט, העט אַוועק, מיין יונגער חבר,
פאַרפינצטערט זיך מיין פּנים און איך בין אין מיינע ספיקות איינגעזונקען אויף צוריק.

☆

פאַרטונקלט האָט מיין פּנים זיך, און ס'האָט דער יאוש־תהום זיך ווידער פאַר מיר אויפגעעפנט,
ווייל כ'האָב דערפילט, אַז נאָך די אַלע תשע שנות הלידה איז מיין יונגער חבר נאָך נישט גרייט,
מען קען נישט פלוצלונג אָט אזוי פאַרבינדן היינטן ניכטערנע מיט התלהבותדיקע אייביקייטן,
פאַרפלעכטן קייטן אייזערנע פון חומר מיט נשמהדיקער, אינעם אור פאַרפלאָכט'נער גאָלד'נער קייט.

☆

און נאָך איין סיבה מער פון מיין צערודערונג: דער גוטער פאָרזיצער פון אָוונט
גיט פלוצלונג שאַרף צו מיר אַ ווונק מיט חשד און מיט דער האַנט אויף יוספס קאָפּ אַ טייט,
און זע און ווי, אַ קרוין גאָר פינקלט אויף מיין חברס קאָפּ; אַ קרוין, אַ שפּילעכל אַ גאָלדנס,
און ס'איז אויף קרוינען אמ'תע אפילו, קיינמאָל נישט, א פשיטא נישט אצינד די צייט.

☆

ווי מיר, האָב איך דען נישט אזויפיל יאָרן אין פאַרנאכטן אַנגסטיק־פולע מיט פאַרצווייפלט האָפן,
מיין יונגן חבר פונעם לאַבירינט אַרויס געפירט, אָט ווי פון טומלדיקער גאַס אַרויס אַ קינד?
געמיינט, ער האָט פאַרשטאַנען גוט מיין הארצ'ס מחשבה פון אַ נייער ייד־ און וועלט־סינטעזע;
נאָר איי' אַן ערשטן אייג'נעם שריט טראָגט ער אַ קרוין און קריכט מיט איר צוריק אין לאַבירינט.

און איך, איך האָב אריינגעלויכטן אין זיין קאָפּ, אויף וויפיל ליכט איז נאָר אין מיר אַליין געוועזן,
די שייכותן, די איבערערדישע פון די געוואַלטיקע געשעענישן פיר,
מיט בלוט און שטראַל פאַרשריבן אויף יריעות פון וועלטס היילקסטער מגילה,
וואָס ס'שפּאַרט פון זיי אַ פינצטערניש מצרימס, און אַ זוהרדיקע ליכטיקייט אָן שיעור.

☆

אַנטקעגן פון דעם דריטן חורבן, וואָס, ווי פייערשטורעם, האָט אין מזרח אויסגעריסן מיט
די וואָרצלען
אַ טויזנטיעריקן, געדיכט-פאַרפלאָכטענעם מיט ליכט און שאָטן, וואַלד,
און אויפגאַנג ווייט אין מערב, וואָס זיין גלייכן האָט ביז איצטער נישט געקענט די יידישע געשיכטע,
וואָס אויגנבלענדיק איז דער מספר פון זיין כמות, כאָטש זיין איכות האָט נאָך קיין געשטאַלט.

☆

און אויך אַנטקעגן פון דעם חורבן פון דער יידישער נשמה אין אייראָפּעס ווייטסטן מזרח,
וואָס ס'איז אין וועלט־גאַנג יידישן נאָך נישט געווען אַזאַ פאַרשטומונג, אַזאַ לעבעדיקער מת —
זע — אַ געהיימע האַנט אין דרום־מזרח הויבט אַרויס פון טיפבאַהעלטענישן לאַנגפאַרגעס'נע,
פאַרבאָרג'נע כוחות, וואָס געוואַרט דאָרט האָבן אויף דער שטראַלנדיקער רגע פון משיח־נס.

☆

און דער סך הכל: ביי דעם ערשטן טריט אַרויף איז ער, דער יונגער מאָרגן, שוין צוריק אין אָפּגרונט,
און מאָדנע פרעמד דאָס וואָרט, וואָס בליט אויף זיינע ליפּן: דיכטונג, זאָגט ער, פאַלקס אַ קרוין,
און אַלטע דיכטער זענען ווי מלכים, יונגע — זאָגט ער — זענען גאָטגעבענטשטע פּרינצן,
און ס'זענען אַלע וועלטנס אוצרות נישט גענוג צו זיין דעם דיכטערס און דער דיכטונגס לוין.

☆

און ביי די ווערטער — ווי מיר! — ווייזט ער גאָר אויף מיר. דער אָרעמער, ער וויל זיין זיכער,
אַז כ'האָב די ווערטער זיינע פון זיין לאַבירינט אַרויס געהערט.
און איך, איך שעפּטשע שטיל צו אים: דו יוסף מיין, דיין וואָרט פאַרמישט די ערד מיט הימלען,
און איך האָב דיך געלערנט, אַז דיכטער אמתע — זיי דאַרפן מישן הימלען מיט דער ערד.

און מיט סבלנות און מיט אומעט קוק איך אויף מיין יונגן חבר,
און אויך מיט ליבע פון אַ זאָרגעוודיקן פאָטער, וואָס ער מוז, ער דאַרף
אָט באַלד זיין זון זיין איינציקן, זיין לעצטע האָפענונג — לשם שמים
אים שווימען לערנענדיק דורך ימים אייביקע פון פאָלק — אין וואַסער טון אַ וואַרף.

☆

ס׳האָט אָבער ערשט מיין יונגער חבר, דיכטער מאַרגנדיקער, יידישער, אַמעריקאַנער,
צעוואָרעמט מיט זיין אייגן רעדן זיך; ער האָט זיך פאַרן פאָלק געטון אַן עלעגאַנטן נויג,
ער שפּרייט די הענט ווי פליגלען אויס, ער פליט, ער בליט, ער רעדט דאָס ערשטע מאָל אין לעבן
צו ברידער, צו זיין פאָלק, עס דאַכט זיך אים: ער רעדט צו זיינע טויטע זיידעס אויג אין אויג.

☆

ער רעדט פאַר פייער און פאַר וואַסער, רופט אַן נעמען: שעקספּיר, פּרץ, מענדעלע און באַלד וואָלט וויטמען.

ער רעדט פון זאַכן, וואָס ער ווייסט, און זאַכן, וואָס ער ווייסט לחלוטין נישט.
ער האָט שוין בערג מיט טאָלן, ימען מיט יבשות, טעג מיט נעכט, אין רעדן זיינעם
צונויפגעפירט, און האָט זיי אין אַ מוראַדיקן תהו בהו אויסגעמישט.

☆

אַרויסגעשריגן האָט פון אים זיין טאַטע און אַרויסגעזונגען האָט זיין מאַמע,
ער האָט געמישט די ווערטער מאַמע-לשונדיקע מיט ניו יאָרקער גאַסן-סלענג,
סאָלדאַטסקע ווערטער פון זיין טאַטן, פון זיין יונג פאַרשטאָרב׳נעם,
מיט ווערטער אוקראַינישע פון מאַמעס אומעטיקע פאָלקס-געזענג.

☆

ער האָט צונויפגעפירט די אבות אונדזערע: אברהם, יצחק, יעקב,
מיט פרענקלין, וואַשינגטאָן, מיט דזשעפערסאָן און רוזוועלט אַזש.
איך האָב געשמייכלט אומעטיק, ווייל כ׳האָב געוווּסט, אַז דער געדאַנק נישט זיינער איז,
נישט מיינער;
מיר האָבן ביידע אים געלעזן ערגעץ אין אַ מאמר אַ פאַטעטישן פון שלום אש.

און פון די אבות איז דער וועג צו דעם אבי הנביאים משה נישט קיין ווייטער,
און אָט אָ הער איך, ווי עס פאַלט דעם מורהס מוראדיקער נאָמען טאַקע באַלד אַריין אין זיינע רייד,
און גיך נאָך אים דער נאָמען פון אברהם לינקאָלן, דעם באפרייער פון די נעגערס —
און ווי א רמז שטראלנדיקן שטעלט די אשה כושית ער אוועק ביי זייער ביידנס זייט.

☆

ס'איז פון דער טיפעניש פון זיין נשמה איצט ארויס אַ וווּנדיקע דערמאָנונג,
און קינדיש מישט צונויף ער באלד דעם גורל פון זיין אייגן פאָלק אויף דער קאָלומבוס־ערד,
מיט גורל פינצטערן אין דער מדינה פון דעם נעגער־פאָלק, דעם איידלען,
ער מישט די צוויי גורלות אויס, כאָטש אין דער אמתן זיי זענען ביידע אפשר גאָר פארקערט.

☆

און אַלע הונדערט וואַכע אויגן פון מיין האַרץ, זיי קוקן איצט אויף יוספן און בענטשן:
ס'איז גוט, וואָס אין דער טיף פון דיין נשמה האָסט אַן אייביק־לעבעדיקע, בליענדיקע וווּנד!
געדאַנקען און געפילן צעדער־הויכע וואקסן נישט אין מוחות גלאטע, פלאַכע ווי די שיסלען;
מיט טיפע איבערלעבונגען צעוווּנדיקט און צעאַקערט שאַרף מוז זיין דער גאָט־געבענטשטער גרונט.

☆

און אַז דער תוהו ובוהו אין זיין מויל געוואָרן איז אַלץ וועלטפארנעמיקער און גרעסער,
האָב דווקא דעמאָלט איך דערזען אים פלוצלונג אין אַ בויגן פון אַ לייכטנדיקן טוי'ר,
ווייל תוהו ובוהו מוז, דאָס וויסן מיר פון צייטן פון די בלעטער ערשטע פון דעם חומש,
פאַרויסגיין איידער די צוויי ווערטער, די צוויי פשוט־געטלעכע און קלאָרע: יהי אור!

☆

ח

די גאָלדענע פּאַווע, דער הילצערנער יאָך

אפערטל שעה, אַן אייביקייט פאַר מיר, געריעדט האָט יוסף אָט דעם תוהו־ובוהו צו דעם עולם.
זיין פּנים — זון אין וואָלקנס — האָט אַרויסגעשטראַלט דורך די געדיכטעניש פון ציגאַרן־רויך,
זיין התלהבות איז געשטויגן און געפלויגן אלץ נאָך העכער און נאָך העכער —
ביז איינער פון דעם עולם האָט געטון אַ ברייטן גענעץ אין דער הויך.

☆

און תיכף האָט דער פאָרזיצער פון אָוונט אויפגעשטעלט זיך און האָט אויפגעהויבן
דאָס העמערל פון האָלץ, און האָט מיט דעם געטון אין האַרטן טיש אַ האָלציק־קאַלטן קלונג.
און דעמאָלט האָט אין פּנים פון מיין חבר אויף אַמאָל דאָס ליכט זיך אויסגעלאָשן,
און אין די אויגן זיינע פאַרגעקומען איז אַ תהומיקע פאַרענדערונג.

☆

די קרוין, דאָס שפּילעכל, זיצט אויף זיין קאָפּ, לויכט פרעמד, מיט אומעט; אַ פאַרגעס׳נער קאַניץ,
און גרוי און גרויער ווערט זיין פּנים, ביז ס׳נעמט אָן די פאַרב פון אויסגעקילטן אַש.
מיין פאָטער־האַרץ איז איינגעפאַלן און איך האָב אַ גלעזל וואסער צודערלאנגט אים
פון דער אַלטפרענקישער, קרישטאָלענער, געדיכט-פאַרשטויבטער פלאַש.

☆

מבולבל איז דער פאָרזיצער — נאָך מערער ווען איך פאָדער ווידער שטורמיש
אַ וואָרט צו דעם, פאַר אים, שוין גאנץ נישט קלאָרן ענין, כאָטש אויף איין מינוט!
און אָט אזוי זאָג איך: — חברים! נאָר געדולד, ס׳איז צייט פון צייטן, יאָר פון וווּנדער;
אַ חודש, וואָך, אַ טאָג, אַ שעה, אַ רגע אָט אַזאַ, וואָס אויף יאָרהונדערטער זי נסים טוט.

די מידע, גרויע קעפּ אין זאַל, זיי האָבן אין דער ברייט און אין דער לענג צעוויגט זיך,
זיי האָבן דורכגעקוקט זיך און מיט פּראָסטע היימיש־ברויטיק שווערע ווערטער הויך געשטוינט.
נאָר איך האָב מיך אַצינד צעשטראַלט, גראָד ווען געאַשט עס האָט מיין חברס פּנים,
כאָטש אויף זיין קאָפּ האָט, ווי אַ שדל נאָך זיין גאָלדן שפּילעכל געהאָפּקעט און געקרוינט.

☆

און כוחות פיל איך קומען איבער מיר, פון תהומען און פון הימלען; ווען כ׳וועל איצט בענטשן,
געבענטשט וועט זיין, פּונקט ווי פאַרוואָרפן, ווען איך פאַרוואָרף אצינד.
און קלאָרע זע איך איצט פאַר מיר פאַרפּלאָנטערט־אַלטע וועגן,
און קלאָר זע איך דעם אויסוועג אויך פון יוסף בן ישראלס לאבירינט.

☆

און תיכף האָב איך צו דער סטעליע, וואָס געשטאַנען איז אין רויך, ווי דער באַרג סיני,
אַ שטרעק געטון די הענט מיט דרייסט און אויך מיט אַ געפיל פון נישט־געוווינטן שטאָלץ,
און זע — עס הענגט אַן אָקסן־יאָך דאָרט אין דער הויך, אין רויך, אָט ווי אין שווערע כמאַרעס,
אַ אַלטער אָקסן־יאָך פון סענקעוואטן דעמבע־האָלץ.

☆

אַן אָקסן־יאָך אין זעלבן אָרט, אַוו איך האָב דאָ, גאַרנישט לאַנג, אין לופט אריינגעשריבן
אַ פּרעגונגס־צייכן, וואָס פאַרוואַנדלט האָט זיך אין אַ גרויסער פייערשלאַנג;
דאָס הייסט, אַז יאָך פון שווערן דעמבע־האָלץ איז ענטפער,
יאָ, ענטפער! און ער שטראַלט אריין און שטראַלט אַדורך אַצינד איעדן אָפּענעם געדאַנק.

☆

איך האָב אַ צי געטון דעם יאָך אַראָפּ פון וואָלקנס רויך, פון די געדיכטע,
איך האָב אים אויף דערווייל אויף מיין אָרעם אָנגעטון,
און אָט אַזוי האָב איך געזאָגט: — הערט אויס, איר, חבר פאָרזיצער, הערט אויס, איר לואי קאָהען,
און איר, חברים, הערט, און דו אויך, יוסף, עם ישראל׳ס זון:

זיי מוחל, קודם נעם אראָפּ די קרוין די גאָלדגעליישטע, מעק זי אויס פון דמיון דיינעם,
און וואַרף זי אונטער דיינע פיס, און טרעט ארויף אויף איר מיט דיינע שיך!
עס איז אַ גרויסע צייט, די שעה איז גרויס, און איצט איז רגע פון די רגעס,
צו זאַלבן דיך מיט ברויטיק־פּראָסטע און מיט שווערע רייד, און מיט דעם עול צו קרוינען דיך.

☆

מיט מיינע הענט וועל איך דיך קרוינען — נישט אין נאָמען מיינעם, זון; חלילה!
ווער בין איך דען? אין בעסטן פאַל בין איך אַ גאָט־געשיקטער משל נאַר.
דערפאַר אַז כ׳וועל מיט פּראָסטן וואָרט דיך זאַלבן, שווערן האָלץ דיך קרוינען, וועט אויף ליפּן מיינע
דער נאָמען זיין נישט מיינער, נאָר דער נאָמען פון מיין גורלדיקן לעצטן מדבר־דור.

☆

דעם דור, וואָס איז אין יאָרן אַלט, נאָר יונג, ווי נייגעבוירן ערשט, אין דער נשמה.
דאָך הענגט גאָטס חשבון איבער אים און מאָנט: ווי לאַנג וועסטו דען לעבן נאָך?
דעריבער וויל ער איצט אויף קאָפּ אויף דיינעם, יוסף, איבערענטפערן
די קרוין, וואָס ער אליין האָט ביז אצינד געטראָגן, קרוין, וואָס איז א הייליק יאָך.

☆

און זאָלן איצטער לייכטן איבער דיר די שעהן טויזנטער צעמאַטערטע אין לאַנגע שמועסן,
ווען ביידע האָבן מיר מיט הערצער פולע, אָן אן אויפהער ממש, מעדיטירט,
אז דער אַמעריקאַנער ייד, דער גרויסער יורש־מאַנער, טאָר נישט רוען ביז זיין לעצטן אָטעם,
ביז לעצטע שורה פון דעם חשבון ייד־און־וועלט וועט זיין צו איר סך הכל צוגעפירט.

☆

ביז ער וועט נישט באַווייזן קלאָר דעם וועלטן־זין פון אונדזער קרבן אויף אָט דעם פּלאַנעטס מזבח,
און אויך די שאול־תחתיה־טיף פון וועלטס במזידן, מיט קילן שכל אויסגעפּלאַנטן פעלקער־מאָרד;
ער דאַרף איר מאַכן קלאָר, אז ס׳קען דאָך נישט געמאָלט זיין, אַז פאר א י י ך, אַ זיבעטן, באַפרייטן,
געמוזט באַצאָלן האָבן זעקס מיט פּיין, וואָס וועגן איר דערציילן איז נישטאָ, און קיינמאָל
וועט נישט זיין, קיין וואָרט.

און אויב עס איז נאָך ערגעץ אין דער וועלט אַ זין און אַ געדאנק פאַרהאַנען,
האָט דער אָ זין אין שעהן אונדזערע, מיין זון, אויף דיר און אויך אויף מיר געהעלט,
דער זין דאַרף לייכטן, קלאָר ווי זון, אַציינד אויף דיר: מיר טאָרן אונדזער חשבון נישט פאַרגעסן,
און מיט איר אייג׳נער אויסלייזונג פאַר אים באַצאָלן דאַרף אי זיך, אי אונדז די וועלט.

☆

און ווי איך האָב זיי נאָר ארויסגעזאָגט די דריי־פיר פסוקים, ווי פסק דין, מיט ווערטער רויע,
דערהערן אַלע פליגלען פלאַטערן איבער אונדז, צוויי פליגלען, ברייט־געשפּאַנט
פון וואַנט ביז וואַנט אין זאַל. און ס׳האָבן אַלע באַלד דערקענט דעם גאַסט־שליח פון דעם
מאַמע־לשון,
די פּאווע גאָלדענע, וואָס איז געקומען דאָ צו פליען צו דער קרוינונג פון אַ ווייטן לאַנד.

☆

און הער — עס רוישט, זי פליט, מען שטוינט ארויף — געפלויגן, פאַרפלויגן די גאָלדענע פּאַווע —
נאָך זענען הענט געשטרעקט ארויף, ווען לעצטער בלאַסק פון גאָלד׳נעם פויגל שווינדט,
נאָר פליענדיק פאַרביי האָט זי פאַרלוירן אויפן טיש אַ פעדער אַ גרינגאָלד׳נע —
מען רירט זי אָן: אַ שרייב־פעדער פאַרצייטיקע, געטונקט אין האַרצנס־בלוט, אָט ווי אין טינט.

☆

בן רחל יוסף בייגט זיך אָן צום טיש, וווּ ס׳ליגט די פעדער די פאַרצייטיקע, אין בלוט געטונקען,
און זע, זיין טרער, זיין הייסע, אויף דער הימלישער מתנה רינט,
ער קושט זי און ער זאָגט: דו גאָלד׳נע פּאווע־פעדער פון מיין מאַמעס ליד, דו ביזט דאָך אמת!
און ס׳פליסט זיין טרער צונויף זיך און ווערט איינס מיט פּאווע־פעדערס הייל׳קער טינט.

☆

און ס׳איז געווען שעת הכושר דעמאָלט אויבן — און אונטן, אין דעם טאָל פון טרערן, שעת רצון
פון לעצטן, כל־עצמותדיקן, לב ונפשדיקן, ייד־מיט־מענטש און גאָט־מיט־וועלט־פאַרשטייין,
דער זאָל און די עסטראַדע, פאָלק און שליח, איינס; איינס הויכע שפּיצן בערג און טיפע טאָלן;
די מענער זיפצן אָפּ דערלייזט, די ווייבער העשען אין אַ גליקלעך שטיל געוויין.

איך זע ווי ס׳נעמט מיין יונגער חבר שעמעוודיק, אַט ווי אַ קינדערשפּילעכל ארונטער
זיין קרוין פון קאָפּ, ער קוקט זי אָן — פּאַפּיר, אַ שפּילעכל, כאַטש פאַרביק: גאָלד און בלוי און רויט
און אויף מיין אָרעם האָט דערפאַר דער יאָך פון האָלץ פון שווערן
זיך אויפגעכאַפּט מיט וואָך, און האָט מיט אַט דער וואַכיקייט געשיינט-געגרויט.

☆

און איך דער פאַרזיצער, דער אַלטער לואי קאָהען, הויבט זיך אויף אַ יונג-צעשטראַלטער,
גיט מיט׳ן העמערל, ווי מיט אַ שרביט-זהב, אינעם טיש אַ קלאַפּ, עס ענטפערן מיט
בת-קול אָפּ די ווענט,
און ווי אויף אַ באַפעל פון פאָלק אַליין, האָט דעמאָלט יוסף בן ישראל אונדזער יאָך דעם שווערן
מיט התלהבות שטייגנדיקער צו זיין הארץ געטון אַ צי — ארויס פון מיינע מידע הענט.

☆

און אויפגעהויבן האָב דעם יאָך איך צו זיין האַלדז, דעם שלאַנקען שיר-השירים־טורעם,
און ווי אַ קראַנץ ארום דעם האלדז אים אָנגעטון — — דער זאָל האָט ליכטיק זיך צעשאַלט,
דאָס פּנים פון מיין דיכטער-זון, מיין צוואָנציק-יעריקן, באַשערטן,
איז צווייִמאָל צוואָנציק רייף אצינד און מענלעך-גרויס פון יאָך ארויס עס שטראַלט.

☆

און פּלוצלונג איז געפאַלן איבער מיר אַ רגע פון תרדמה, ווי נאָך בעילה, אָדער נאָך געבוירן,
פאַרווירט מיין פּנים, אַלע קוקן אָן מיך שטאַרק, נאָר אין מיר איז אַ טייך, פאַרנאַכט באַרוט;
איך קוק אויף מיינע הענט און טראַכט: איר האָט איצט בלוט פאַרגאָסן? האָט פאַריאַכנדיק
פאַרשאָלטן?
אַ ניין און ניין! איר האָט מיט פלאַמען הייליקע נאָר אָנגעצונדן אַט דאָס יונגע בלוט!

☆

איר הענט, איר מיינע — — אָבער ווער זענט איר, וואָס האָט געהאַט אַ רעכט דאָס בלוט צו צינדן?
און ווי איך רעד אזוי צו זיך — דערהער איך קולות הונדערט אין מיין קול,
און איך באַנעם, אַז איצטער בין איך דאָ צו אַלץ באַרופן,
ווייל עס איז קלאָר: איך בין א רמז נאָר אין אַט דער קרוינונגס-צערעמאָניע, צימצום און סימבאָל.

ט

די אייביקע יידישע צוויי־אייניקייט,

עמוס, עדעלשטאַדט

געדאַנקען בליצן אויף און אָפּ און ווערטער פאַלן גיך און שטיל אין מיר ווי ווייטע וואַסערפאַלן:
אויב יוסף האָט דעם הימלס גאָלד דערפילט אין פראָסטן האַלץ, קדושה פון אַ קרוין אין יאָך,
דאַן מעגסטו רויק זיין, אַז אָט דאָס מלכות גייסטיקע וועט אין דער עיר הבירה
פון צייטן אַלע, אַלע לענדער יידישע, זיך אויפכאַפּן צו נייעם לעבן און לעבן, לעבן נאָך.

☆

מיר וועלט־פאָלק, ווייל דורך אונדזער האַרץ גייט דורך דאָס צינגל פון דער וואָג פון
וועלט־געשיכטע.
געשפּאַנט אין גורל־גאַנג אין דיאַלעקטישן — איז גאָרנישט מיט אונדז בלינדער טראַף.
אידענטיש איז מיט אונדזער שליחות צווייקייט. לערן און מיש די דפים פון יאָרטויזנטער,
די מלכותן די צוויי, ביז יעקב־עשו, הבל־קין, און אפילו זון־לבנה שוין זינט וועלט־באַשאַף.

☆

ס׳איז טיף דער זינען פון דער צווייקייט ערדיש־יידישער און אייניקייט יידיש־הימלישער.
אין בלוטגאַנג פון יעדער וועלט־בהלה בייט זי נאָמען און געשטאַלט, דאָך קיינמאָל נישט דעם תוך.
ספרדי־אשכנזי איז געווען איר לעצטער גילגול. צווייקייט ווערט איצט ניי געבוירן, און איר נאָמען:
ישראל־תפוצות און מדינה פון ישראל — אויף דעם וויי־שטול פון דער וועלטגעשיכטעס
איבערבראָך.

☆

און מעגסט אויך זיכער זיין: ס׳וועט באַלד די עיר הבירה פון די תפוצות דער געדאַנק
דורכדרינגען
אַז המשך פון פיל דורות גרויסע האָט מען קיינמאָל נישט געלאָזט אויף ווילדן ווינטס באַראָט;
צי האָב׳ מיר נישט ביז איצט, אפילו שווימענדיק ביז האַלדז אין בלוט, אין הערצער יידישע רבבות,
חדרים טויזנטער, ישיבות הונדערטער פון שטעטל קלענסטן, צי פון גרעסטער שטאָט,

דורך ליטע, פוילן, רייסן, אונגערן, אוקראַינע, טשעכיע און רומעניע און גאַליציע,
געטראָגן אַט דעם המשך הייליקן, נאָך הייליקער ווי אַ געקריצט אין לוחות גאָטס געבאָט,
יאָ אַט דאָס פויערישע לעבן פון די דערפער פון ארום ירושלים פון פאַר צוויי אלפים יאָרן?!
איז קענען, וועלן מיר אצינד פאַרוואָרפן אויפן שרפהדיקן שכחה-ווינטס באַראַט

☆

די שטעטלעך אַלע טויזנט הייליקע, די טונעיאַדעווקעס, קאַסרילעווקעס, וואָס האָבן
וועלטס דערלייזונג
אמונה-פול געגרייט? מיין שטעטל רעדים, אָדער גראָדזיסק, וואָס איז דיין און זיין, צי ווישעגראָד?
ווי קענען מיר? מיר וועלן זיי אצינדערט ווייטער, פאַר זיך און פאַר אַלע וועלטן, הייליק האַלטן
אין אַט דעם לאַנד, אין אַט דער שטאָט פון וועלטן-שטעט, אין אַט דער וועלט-גאַנגס
שליחות-שטאָט.

☆

און נישט נאָר אין דער וועלטן-שטאָט ניו יאָרק, נאָר אין דער יידן-וועלטן-שטאָט ירושלים וועלן
די שחיטה-שטעט אויך לעבן ווייטער, זיך באַגעגענען דורך יאָר-אלפים בריקן, מיילן טויזנטער,
מיט שטעטלעך פון איראַק,
מיט דערפער פון די וויסטע בערג פון תימן, און מיט טומלדיקע מערק פון אלכסנדריה של מצרים!
נישט נאָ׳נטע היינטן אויסצומעקן, נאָר אפילו ווייטע נעכטנס פונעם טויט צו וועקן איז
משיח צייטנס גרויסער פסק.

☆

און נישט מסורה-בענקשאַפט פון אַ לעבן נאָר — נאָר לייכטן וועט אויך באַלד די
לשון-המשך שליחות,
און לשון-בענקשאַפט אינעם הארץ, און מאַמע-לשון-זיסקייט אויף דער שמאַכטנדיקער צונג!
און פונקט ווי אין ישראל, דער מדינה, לשון קודש איז צו קינד געגאַנגען און זיך נייגעבוירן,
וועט אויך לשון-קדושים יידיש אין ניו יאָרק נאָך אויפשטיין ווידער אויף צו ווערן אייביק-יונג.

☆

און ווי מיט אינערלעכן בליץ דורכלויכטן כ׳קוק מיט אלע די מחשבות גלייך אויף יוסף בן ישראל,
אויף זיינע יוגנטלעכע יאָרן, אָנגעלאָדענע מיט דערנער, בלומען, פירות, די געבענטשטע
צווייטאָל צען,
און אַט אַ זע איך לייכטן אויף די ליפּן זיינע יענעם זיו, וואָס עס האָט הייבריך היינע
אין די פון גאָט מיט ליד געקושטע ליפּן פון יהודה בן הלוי — אין זיין גרויסן ליד דערזען.

אָ, יוסף בין ישראל, טראכט איך, און עס ווערט מיר גרינג און גרינגער,
און פון מיין פּנים שווינדט דער אומעט און אין הארצן שמעלצט די זאָרג:
אָ, וואָס יהודה בן הלוי איז געווען אין טאָלעדאָ און קאָרדאָווא, אָט אזא מין זינגער
וועסטו אצינד אויף אַלע אייביקייטן יידישע דאָ ווערן אין ניו יאָרק.

☆

און זע, עס ליגט אַ ספר אויף דעם טיש, אויף דעם פּארשטויבטן; צוויי געשטאלטן נעבן ספר;
און ס'מישט דער פאָרזיצער דאָרט אויף מיט אַלטער האנט אַ נאָר וואָס אָפּגעשלאָסן בלאַט.
און זע: פון רעכטס שטייט אַלטער פּאסטוך-נביא עמוס, און פון לינקס דער פּראָלעטאַריער-נביא
פון יידן-שניידערס אין ניו יאָרק; דער אייביק-יונגער, קראנקער דוד עדעלשטאדט.

☆

און צווישן זיי מיין דיכטער. און ער שטראַלט, ווי יוסף אין דער שעה פון געבן זיך דערקענען,
ער שטראַלט, ער איז אַ לייכט-טורם אין דעם הארץ-ים זיינעם, און דער ים שוועלט הויך,
דער זאַל איז שטיל פאַרהאָרכט אין אים, אין דעם שפּיץ-באַרג, וואָס איז עסטראַדע איצטער,
די לופט איז דימענט-קלאָר און שאַרף און שכינה רוט — — קיין פינטל רויך.

☆

און פּסוקים בליצן אויף און לייכטן אויף מיין יונגען נביאס ליפּן,
און פּסוק-איין און פּסוק-אויס גרייט ער זיך זאָגן זיי, און פאַלק נאָך אים וועט זאָגן נאָך,
און גרינג, ווי ס'קומט אויף זיינע ליפּן איצטער אויף דאָס וואָרט — נאָך גרינגער
איז אויף זיין האַלדז אצינד די יידן-דיכטער-קרוין — דער יאָך.

☆

און ס'האָט די וואנט, די גרויע פון אהינטער דער עסטראדע זיך געעפנט,
אלפים שנה האָבן זיך באוויזן דאָרט, אַ פּיראמיד ביי פּיראמיד,
און רייען מאה שנה, אָבעליסקן ביז דעם הימל, בבל-טערעמער דערבויטע,
און אויך באשריבענע פון אויבן ביז אַראָפּ מיט ווערטער פון אַן אייביק ליד.

עס לייזן זיך, ווי אָוונט-וואָלקנס, אויף די ווענט, און ס׳בלייבן נאָר די פּאָנעץ פלאַטערן,
און ווו די ווענט געווען — באווייזן זיך פאַרהאָרכטע פּנימער, געדיכט ווי מאָן,
און אויך אַ כאָר, אַ ברומענדיקער, שטילער, קומט ארויס פון ערגעץ פון אלפים שנה,
דאָס ברומען גייט אין זינגען איבער; הארף באגלייט עס: — למנצח, יונגער נביא, איצט הויב אָן!

☆

י

קרוינונגס־רעדע און צווישנרופן

— איך הער אַ פליגל-רוישן איבער מיר פון טויבן יענע-וועלטיקע, נשמות פון
קרבנות אויסגעשאָכטן
פאַר אַלע מענטשנס אויסדערלייזונג. פליגלען רוישנדיקע זאָגן אַלעמאָל אַ שליחות אָן.
נשמה ביי נשמה רוישט און זוכט אַ תשובה און אַ תיקון, און אַ הימל-האַרפן-שפּיל
באַגלייט דאָס רוישן,
דאָס צופּן פינגער אליהוס הימל־סטרונעס שטיל: מיליאָן, מיליאָן, מיליאָן, מיליאָן,
מיליאָן, מיליאָן —

☆

און צו דעם שפּיל-באַגלייט פון אליהו — יוסף: — אָ, מיין פאָלק, האָסטו, האָב איך, און
מיר דען אַלע,
פאַרטראַכט זיך אויף דער גלייכעניש דער הייליק-מוראדיקער מספּר-גלייכעניש אַמאָל
פון זייערע נשמות, וואָס אין הימל שוין, און אויך פון אונדזער חומרס מספּר דאָ אין וויטן מערב?
און אויפגערודערט שטעלן זיי זיך אַלע אויף: — מיר זעען קלאָר דאָס גלייכעניש פון צאָל און צאָל.

☆

און אַז עס האָבן אָט די פּסוקים ערשטע, מיט רעיונות שווער באַלאָדן און מיט חלום
לייכט באַפליגלט,
אויף ליפּן פון מיין יונגען חבר אויפגעבליט — האָט עס
אַן אימה אויף מיר אָנגעוואָרפן, כ'האָב געפליסטערט און געפלאָנטערט: חלום? כישוף? נסים?
און כ'פיל, אַז פּונקט ווי ס'איז פון טויט קיין וועג צוריק נישטאָ, נישטאָ קיין וועג צוריק פון נס.

☆

און דעמאָלט האָט אַ צווייטער אין מיר שטיל גענומען שעפּטשען:
— ס'איז יאָ און נישט קיין נס, אין אָט דעם ייִנגלס האַרץ געקומען צו אַ סוף איז דער כאַאָס!
און די אָ שטים האָב איך געפאָלגט, און ווייטער, האַרץ-און אויג-און-אויער איינגעהערט זיך.
און הער — אַ נייער פּסוק שוין, געדאַנק און ווערטער קלאָרע אות אין אות:

— דו כמות-יורש היינט, דו מאָרגן איכות-יורש, בליק אַרויף, זע פייערשריפט פון הייליקער צוואה,
מיט שטראַלן, ווי מיט פעדים גאָלד, זי בינדט דיך צו דער גאָלדנער קייט.
ס'איז גורל און ס'איז מזל אויך, עס איז פון איר קיין אַרויסוועג דאָ און קיין אַנטרינען!
און ענטפער קומט: — מיר זוכן נישט קיין אויסוועג מער, מיר זענען צייטיק שוין און גרייט.

☆

— אין מדבר-באַרג אַ גאָלדנער קוואַל — ער שטראַלט אַראָפּ, הייס-זינגענדיק מיט
העלע וואַסער-פעדים,
ביז ער קומט אונטן אָן, ווערט שטראָם ער, קייט פון גאָלד, ביי איר זיך האַלטן — גרינג —
כאָטש גאָלד איז שווער. אין אָט דער קייט פון גאָלדן-גייסט מיר ווערן ווי אַריינגעבוירן,
און — צי מיר ווילן, צי אויך נישט, מיר זענען אין דער קייט פון רינגען אומצאָל נאָך אַ רינג.

☆

נאָר חוץ אין גאָלדנער קייט אַריינגעבוירן — אין אַ קייט פון אייזן, יאָ, אַ נעץ פון קייטן,
אַ נעץ, וואָס שפּאַנט די ערד אַרום — מיר זענען אויך אַריינגעשמידט.
און ס'האָט דאָס פאָלק געענטפערט טיף פאַרטראַכט: — די נעץ איז פעסט געשלאָסן,
און ס'איז אין איר דער ייד אין וועלט געפאַנגען — און אַזוי די וועלט אין ייד.

☆

ביי אָט די ווערטער יוסף בן ישראל איז, גלייך ווי ביי אויסגיין שמונה עשרה,
דריי שריט געגאַנגען לאַנגזאַם אויף צוריק — און לאַנגזאַם האָרץ און קאָפּ אַהינטער זיך געקערט,
און האָט געערדט צו די אַלפים שנה, צו די שטעט און ימים, ביז צום מוראדיקן באַרג אין מדבר,
און ס'האָט אַ כאָר-געזאַנג צו אליהוס שטענדיק סטרונע-ציען שטילער זיך פון דאָרט דערהערט.

☆

און אין דעם כאָר-געזאַנג האָב איך דערהערט-דערזען אַ בלום צום הימל בליען, כ'האָב איר זאָמען
אין באָמען פון מיין דור מיט יאָרן ניין צוריק דער שוואַרץ-ערד פון מיין ווײ פאַרטרויט;
טאָג-איין, טאָג-אויס מיט וואָרט-לעגיאָנען, פון די קוואַלן יידישע געשעפּט, אָט ווי מיט
טוי-אָטאָמען
באַלעבט. מיט זאָרג אַרומגעציטערט און מיט האָפענונג, ווי מיט הימל, אייביק איבער איר געבלויט.

אונ ביי דעם שטילן כאָר-געזאַנג געפּאַלן זענען אָט די ווערטער:
— נשמות בלאָנדזשען איבער אונדז, זיי מוזן ווערן אויסגעלייזט,
מיר זענען בלוט פון זייער בלוט און גייסט פון זייער גייסט צו זיין איז אונדזער גורל!
— מיר וועלן ווייליק און מיט התלהבות טון, וואָס אונדזער גורל סאַי ווי הייסט.

☆

— יאָ, בלוט פון זייער בלוט, און גייסט פון זייער גייסט, און רינג פון גאָלד, און רינג פון אייזן,
און ברידער טרייע פון די פעלקער אַלע, אויף דער ווייטער, דער ישורון-זאַטער, דער
אַמעריקאַנער ערד,
און אונטער הימלען בלוי ווי גליק; אין אַ מלוכה, וואָס געווען, וועט ווידער זיין, וואָס ז'איז געוועזן!
— געבענטשט; וואָס אין דער גורל-שעה האָט אויכעט וועגן דעם דיין וואַכיק האַרץ געקלערט.

☆

— געוויגן מיט דער וואָג פון צייט, געמאָסטן מיט דער מאָס פון יידנס וועלט-גאַנג דורך די וועלטן,
אַמעריקע איז נאָך אַ קינד, וואָס שטעלט די ערשטע, בלאָנדזשענדיקע, וועלטן-שריט;
מיט ליבשאַפט דאַרפן מיר דעריבער, זקן פון דער וועלט-משפחה, אַלץ פאַרשטיין און
מוחל-זיין אפילו,
און העלפן אַקערן און זייען, האָפנדיק אויף הייליק ברויט פון פרייהייט נאָך דער בענטשונג
פונעם שניט.

☆

און אויב אמעריקע אונדז ברודער, פאָטער איז די גאַנצע וועלט, און אונדזער פאָלק — די מוטער,
דאַרף אונדזער שריט אויף אָט דער ערד זיין פעסט און זיכער זיבנפאַך;
האָט דען נישט, איידער ס'האָבן שיפן אונדזער גוף אהערגעבראַכט אין הויפנס, שטעטלעך גאַנצע,
דער גייסט פון אונדז זיך דאָ באַזעצט און מיטגעבויט אַמעריקע מיט די פּיאָנערן, דורך
מגילות פון תנ"ך?

☆

דער עולם האָט זיך דורכגעקוקט, זיי האָבן אלץ און אלע אזוי טיף באַנומען,
אַז כאָטש אי שבתדיק, אי יום טובדיק עס ווערט גערעדט דאָ אַלץ,
נישט שבתדיקע, יום-טובדיקע סעודות האַלט מען דאָ אין גרייטן,
נאָר וואָכעדיקע טעג פון לאַנגען לעבן, און אויב סעודות — הייליק ברויט מיט זאַלץ.

און איצט האָט איינער אויפגעשטעלט זיך — אויף זיין ווייסן קאָפּ אַ שוואַרץ, אַ זיידן קאַפּל:
— דו האָסט גערעדט, מיין קינד, אַסך, נאָר האָסט גאָטס נאָמען יידישלעך נאָך
נישט דערמאָנט — —

און איידער ס׳האָט דער אַלטער מאַן זיין אָרט צוריק פאַרנומען,
האָט ער אַ בלויעם פּרעגונגס-צייכן אין דער לופט געמאַכט מיט ציטערדיקער האַנט.

☆

און תּוך כּדי הדיבור ענטפערט יוסף אויף דער בלויער פראַגע, ווייס און קלאָר האָט
ער געענטפערט:
— אַ האַרבע שאלה האָט איר דאָ, מיין גוטער אַלטינקער, ביי אָט דעם יונגען הארץ געפרעגט,
נאָר אויף איר ענטפערן דאַרף יעדער זיך אַליין — לויט זיין מהות און טיף פון זיין געוויסן!
האָט באַלד דער בלויער פּרעגונגס-צייכן אָט ווי רויך גענומען שווימען און זיך אויסגעמעקט.

☆

נאָר טיף אין דער נשמה יוספס האָט ער ווייטער בלוי-געגליט, און בלחש האָט ער זיך געענטפערט:
— פאַרהאַנען מענטשן, טראָגן גאָט זיי אייביק אויף די ליפּן אום,
און אַנדערע טראָגן גאָט אין האַרץ, און ווער ווייסט ווער צו גאָט איז נענטער?
גאָט איז דאָך מענטש און מענטש איז גאָט, און ווער עס דינט דעם מענטש — איז ער נישט פרום?

☆

און, אַגבֿ, ווייסן מיר דאָך אַלע, אַז געלעבט האָט מיט דרייהונדערט יאָר צוריק אַ נביא,
וואָס מ׳האָט אין חרם אים געוואָרפן אין דער עיר ואם, וואָס רופט זיך אַמסטערדאַם.
ער האָט צום סוף דערפירט דעם ריב פון גאָט און מענטש, און מענטש און גאָט, וואָס אים האָט
מיט יאָרן טויזנטער צוריק שוין אָנגעהויבן אין פּניאל — יעקבֿ, פאָטער פון ישראל-שטאַם.

☆

אין אַמסטערדאַם געוואָרן איז דער קאַמף פון גאָט און מענטש /אין פּניאל אָנגעהויבן/
צו ענד דערבראַכט: דער מענטש איז עיקר! אָבער ווער עס האלט נאָך אין פּניאל, אין
דער חומש-נאַכט,
אויך ער האָט רעכט דערויף! און צוגעקלעפּט זאָל ווערן צו דעם גומען באַלד די צונג פון יענעם,
וואָס האָט פון יידן אמת-גלויביקע, טליתים-איינגעהילטע, לייכט גערעדט, צי שפּאַס געמאַכט.

און אַט שטייט שוין אַ צוווייטער אויף — אַ מאַן, נאָך אין די פריע פערציק,
ער ווייזט באַגייסטערט אויף דעם אָרט, וווּ ס'פלאַטערט די בלוי-ווייסע פאָן.
און אַלע קוקן זיך אַרום, און ווי צו זיך אַליין מיט טענה,
נאָר מיט אַ פעסטער שטים דער מאַן הויבט באַלד צו רעדן אָן:

☆

— אין דרויסן רוישט די גאַס מיט היינט, באַגליקט און מיט די בשורות טובות שיכור,
דאָ האַלט מען ערשט ביי אלף פון אַ נייעם גאַנג, און דאָרט שוין ביי דער תיו פון זיג,
דאָ רעדט מען פון געדאַנקען גאַר, אַבסטראַקטן גאַנג אַרויף אויף יעקבס הימל-לייטער,
כאָטש מ'איז אַרומגערינגלט פון אַ וועלט, אַ ניכטערנער פון מערדעריש-רעאַלער פּאָליטיק.

☆

און יוסף נעמט זיך אָן מיט מוט: — מיין האָרץ מיט זיי, מיין גאַנצע ליבע,
און אויב איך וועל אַ רגע נישט געדענקען זיי — פאַרגעסן זאָלן ווערן מיינעביידע הענט!
מיט זיי דער טאָג, דער טאָג איז טייל, און ווי דעם היינט, דעם טאָג, וואָס וויל אַליין-זיין,
ס'בלייבט אָן אַ מאָרגן יענער מענטש, וואָס האָט די בריק צום נעכטן לייכטזיניק פאַרברענט.

☆

און שטילער, ווי צו זיך: צוויי-איינקייט איז ייִד, און ווער עס זעט עס נישט, וועט
אייביק בלינד-זיין.
איינס איז יסוד פון אייביק-זיין, פון גאָט, און צוויי מוז זיין פון יענע זאַכן דער יסוד,
וואָס אייביק לעבן, אייביקע פונאַנדערבליאונג איז אין זיי איינגעבוירן,
ווי טאַקע אייביק זיין איז דאָ אין דער נאַטור פון גאָט.

☆

ווי אדם — איינעם — אויך ישראל — איינעם — האָט מתחילה גאָט באַשאַפן,
נאָר פונקט ווי אדם באַלד געבוירן חוהן האָט געמוזט פון אייג'נער ריפּ, פון אייג'נער זייט,
ווייל אַנדערש וואָלט ער נישט געבליבן לעבן אייביק — — אָט אַזוי האָט אויך ישראל,
אויף צו לעבן
ביז ציייטנס סוף — אויף אייביקער צוויי־איינקייט אַליין זיך פונאַנאַנדגעצווייט.

ישראל איז דאָס פאָלק, דער בוים, דער אויסטערלישער אינעם וואַלד פון פעלקער-ביימער,
ס׳איז זיין מהות, אַז צווייגן פון זיין קרוין זיך בייגן אָפּט, אין שענסטער בליונגס-פּראַכט,
אַראָפּ צו דר׳ערד און ווערן וואָרצלען ווידער, נאָר כדי אין ווייטן עתיד ווידער שטאָם
און קרוין צו ווערן,
און ס׳בייטן זיך דער כתר און דער שורש פון דעם בוים, ווי ס׳בייט זיך אייביק טאָג מיט נאַכט.

☆

און גרינט דער כתר איצט פון פאָלק אין שטורם-און זון-סכנות דאָרט אין מזרח, ווו זיין זאָמען
איז אַמאָל פון גאָט פאַרזייט געוואָרן,
איז אין די ווייטענישן פון דעם ווייטסטן מערב, טיפענישן פון דער שווארץ-ערד פון דעם חומר עם,
דער שורש לעבעדיקער איינגעוואָרצלט היינט. און ווי אן אומזעבאַרע מאַמע-אייביקע, ער
זויגט מיט אַלע זאַפטן, אַלע כוחות זיינע
זיין קינד פון היינט; זיין שטאָלץ, זיין קרוין פון קאָפּ, זיין נפש, זיין נשמה, עצם פון עצמות
זיינע, דם פון דם.

☆

און ווידער אויף אַ קול: — איך רעד צו אייך, דאָך וועלן מיינע ווערטער
ווי טוי אין הייסן זון-שיין זיין, ווי שפּריי אין אָסיענדיקן שטורעם-ווינט.
אויב כ׳רעד דאָ נאָר צו דיר, וואָס מיינסט, אַז ביזט אַ שקיעה-זון, אַ לעצטער דור; און
נישט צו דורות,
וואָס גייען בארג ארויף! און ווייטער בת-קול ענטפערט: — זע, מיר זענען שוין מיט דיר אַצינד!

☆

מיר זענען, ווי אונדז, בלודנע שאָף געוועזן, ס׳האָבן אונדז׳רע פּאסטוכער נאָר זיך אַליין געפּיטערט,
די פּאסטוכער ישראלס, וואָס דער נביא זייער שאַנד האָט שוין פאר יאָרן טויזנטער אנטפּלעקט;
נאָר מיט אַמאָל, אינמיטן בלאָנדזשען, האָט באַזעלט אונדז בענקשאפט נאָך א פּאַסטוך-פּאָטער,
ס׳האָט ברענענדיקער דאָרשט נאָך מיים-חיים די נשמות אונדזערע מיט ליכט און
פייער אויפגעוועקט.

☆

יא

וועלט — ייד — אַמעריקע, אל און אדם
ענד פון דער קרוינונג

און ווי ס׳האָט יוסף זיך ארומגעקוקט אַצינד, האָט ער דערזען די קומענדיקע דורות פּאַר זיך,
און הינטער זיך האָט ער דערזען דעם דור, וואָס נאָר וואָס איז געוואָרן אַש און שטויב;
און דעמאָלט אויפגעלויכטן אין די אויגן זיינע האָבן וועלטן-ווייטע שייכותן,
און ער האָט ביזן הימל הויך די הענט געטון אַ הויב:

☆

איך הער צוואות רוישן אין די בלוטן און רוישן אין די אַשן הער איך די צוואות,
איך ווייס, אַז ײדישער מזבח אין דער וועלט האָט קיינמאָל נישט אומזיסט געגליט,
איין גאָט געדאַנק — נאָך אַלץ דערזעלבער; אָבער ניי איז די איין מענטש צוואה — און איך זע זי,
זי שטייט געשריבן שוין אין הימלישער יריעה מיט קדושים-בלוט און איז מיט הייליק אַש באַשיט.

☆

און באַלד, ביי אָט די ווערטער, איז אַ נס בתוך אַ נס געשען; ס׳האָט אין דער זייט, דער לינקער,
גענומען אויף אַן אמת רירן זיך דער פּשטן, מענטש- און יידן-נביא דוד עדעלשטאַדט.
ער האָט צוריקגעמישט דריי בלעטער אינעם ספר און געזאָגט: געשטאָרבן, יאָ, נאָר
נישט אנטשוויגן
בין איך, און כ׳האָב נאָך אַלץ אַ וואָרט אין צייט צו זאָגן, פּונקט ווי כ׳האָב אַמאָל געהאָט.

☆

און פון דעם עולם האָט זיך איינער, גאָר אַן אַלטער, ציטערדיק אַ ריר געטון און אויפגעהויבן,
און האָט געזאָגט מיט יונגן קול: — יאָ, אונדזער עדעלשטאַדט, פּונקט ווי אַמאָל, אַמאָל,
אי יונג, אי בלייך, נאָך אַלץ דער זעלבער עדעלשטאַדט! ער רעדט און אַלע הערן דייטלעך,
כאָטש ס׳קומט זיין קול אין זעלבער צייט, ווי פון אַ ווייטער ווייט, אַ הויכן באַרג, אַ טיפן טאָל:

— צוואות, וואָס נישט אויסגעפירט, ווי מענטשלעך בלוט זיי זענען; בלוט, וואָס איז פאַרגאָסן, און באַלד אויף צו פאַרגעסן עס — אַוועקגעשווענקט אין מיסט.
און זייער קרבן, זאָג איך אייך, און ס׳איז מיין עדות גאָט אליין, יאָ זייער קרבן געווען איז צו באפרייען די נשמה, די פאַרשקלאַפּטע, סאַי פון ייד און סאַי פון קריסט.

☆

ביי אָט די ווערטער „ייד" און „קריסט" האָט יוסף זיך ארומגעקוקט, זיין בליק פאַרלוירן, און מיך ארומגעזוכט; און מיך האָט אויך דער מוט ביי אָט די ווערטער „ייד-און-קריסט" פאַרלאָזט, נאָר כ׳האָב דעם שייכות דאָך דערפילט און האָב אין אויער פון מיין יונגן פריינט געשעפּטשעט:
— די ווערטער זענען אמת, וועלטן-טיף, און נאָר געזאָגט עס האָט דער פּשוטער אַזוי זיי פּראָסט.

☆

און ס׳האָט דער פויער-פּאַסטוך, נביא עמוס, זיך ארייננגעמישט און האָט אזוי געשטורעמט:
— דמשק, עזה, צור און עמון און יהודה און ישראל — אלע איינס, ווען ס׳קומט צום שטיקל ערד ביים פויער, ביי דעם אָרעמען צו רויבן! און עס האָט די וועלט זיך אַלץ נאָך נישט געביטן!?
האָט גאָט נאָך אלץ נאָך מיינע קללות נישט אויף רייכן, בייזן גוי און ייד דערהערט!?

☆

און נאָך דיביידנס רויע רייד און גרויע רייד האָט טיפער נאָך מיין יונגער חבר אלץ באַנומען, באַנומען די פאַרקניפּונג, פּונקט ווי ביין מיט אָדער, פון דעם יידישן מיט וועלטס געדאנק.
ס׳איז אים מיט לעצטער ליכטיקייט געוואָרן קלאָר נאָך עפּעס מער. ס׳האָט אויפגעלויכטן שאַרפער דער וועלט-און יידישער, און וועלט-און אויך אַמעריקאַנישער צוזאַמענהאַנג.

☆

און ווי מיט בליץ באַלויכטן איצט, זעט ער דעם ערשטן נביא פון אַמעריקע, וואָלט וויטמען, ער קוקט אין זיינע טיפסטע שייכותן מיט מענטש און מיט אַמעריקע מיט שפּאַרבער-בליק אריין, און ווי אַ טרונק פון קילן קוואַל פילט אָן דאָס גאַנצע בלוט, האָט אויסגעפילט זיין בלוט אַ גלויבן, אַז ער, דער זינגער יידישער, אַמעריקאַנער, וועט פאַר פאָלק, פאַר זיינעם ווי וואָלט וויטמען זיין.

דער נייער דיכטער, וואָס די יידן דאָ, און אַלע פעלקער, וואָס דאָ וווינען, וועלן אייביק וווינען,
וועט מאַכן קלאָר אין ליד, אַז זיי זענען אַמעריקע, די האַלבע וועלט; נאָר זייענדיק
אַמעריקע, זיי זענען אויך פארקניפּט אויף אייביק מיט די היינטן און אַמאָלן זיי׳רע, ווייל
די צייט איז צייט פון איין-וועלט;
און מיר, מיר יידן, זע׳ן מיט אונדזער וועלט-פאָלק איינס אין אַלע וויטן-צייטן אויף
פאָרויס און אויף צוריק.

☆

און קלאָר האָט ער דערזען אַ בויגן, וואָס האָט איבער פיר גאָטס טעג געשפּאַנט זיך איבער לענדער,
דעם בויגן פארביקן, וואָס בשורות זינגט אין הימל, און וואָס גאָט אַליין האָט אים געשפּאַנט.
אויף אברמס אוהל האָט ער לייכטן אָנגעהויבן, און ער לאָזט זיך איצט מיט צווייטן פליגל זיינעם
אַראָפּ. גאָטס שבועה ווערט מקוים און עס זאַמלט זיך אברהמס שטאַם אין צוגעזאָגטן לאַנד.

☆

פיר טעג ביי גאָט, ווייל טאָג ביי אים איז ווי ביי אַ בן אדם אַ יאָרטויזנט, האָט דער בויגן
אויף הימלען צייט און ערדן ווייט געלויכטן פאַר דעם פאָלק, וואָס האָט געוואלגערט זיך אין שטויב
פון וועגן פון די וועלטנס גאַנג. איין זייל אין הימל, אין דער האַנט פון גאָט, דער צווייטער
האָט גערדאַרפט די ערד באַרירן אין משיחס צייטן. און דערווייל — דו פאָלק פון גלויבן — גלויב!

☆

און ס׳איז געשען, ס׳האָט אָנגערירט דער אָנהויב פון דעם בויגן ווידער ערד — און דורך אים
אַליין דער הימל רירט די ערד אָן און דער גרעסטער טרוים פון פאָלק ווערט גרעסטע וואָר,
נאָר כאָטש עס רירט גאָטס שבועה-בויגן אָן די ערד אין לאַנד אין צוגעזאָגטן,
אין גאַנצן טויער פון דעם וועלטן-וויטן בויגן שטייט דאָס גאַנצע פעלקער-פאָלק אין יאָרנס-יאָר.

☆

און ס׳איז ביי די געדאַנקען, וואָס איצט לייכטן קלאָר אויף יוספס פנים, באַלד פאַרשוווּנדן
דאָס גאַנצע הויז ארום, די גאַנצע שטאָט און דער פאַרשטויבטער בראָדוועי-זאַל,
און אויפגעלויכטן האָט פאַר אלעמען און אלע האָבן אין דער טיפסטער טיף באַנומען,
אַז כלל טאָר קיינמאָל נישט דערשטיקן פּרט און פּרט קען בלייבן גאַנץ אין גאַנצן כלל.

און יוסף רעדט פאַר אַלע איצט: — און ווי ס׳האָט ייד געטראָגן איבער פּינצט׳רער וועלט־געשיכטע מיט וווּנדבאַדעקטן לייב, אין ברענענדיקן מויל, גאָטס גרויסע איינס, וואָס צווייִמאָל דרייצן איז זיין הייליק־שטומער נאָמען, און אויף מאַמע־לשון איינמאָל דרייצן: גאָט.
אַזוי מוז ער פון וועלט־פאַרפינצטערונג, פון איצטיקער, דעם אדם ברענגען
איין־מענטש־געדאַנק — ווייל יעדער מענטש איז גאָט און וועלט און מענטש אינאיינעם.
מערער, העכער, טיפער נאָך ווי גאָט — אחד.

☆

און מיר, מיר יידן פון אַמעריקע, דער כמות זענען מיר, דער גרויסער כמות פון דעם וועלט־פאָלק,
און שטראַלן מוז אַזויפיל איכות אין און פון אונדז, וויפל ס׳איז דער כמות אונדזרער ווערט!
און ביי די ווערטער האָט דאָס פאָלק געענטפערט, ווי מיט בת קול פון באַרג סיני:
— ס׳וועט זיין געטאָן, ס׳וועט זיין געהערט!

☆

און אַז פאַרקלונגען זענען אָט די לעצטע ווערטער, האָט אַ בת קול זיך פון זיי דערהערט און אייביק געזומען קלינגען. ווי מען טוט די תפילין אויס, האָט יוסף אויסגעטון דעם יאַך, און אויף דעם טיש האָט ער אים אויף דעם ספר פאַרכטיק־צאַרט אוועקגעלייגט. און — ווי דערמאָנט זיך עפּעס — האָט ער צום יאָך די ליפּן זיינע צוגעדריקט און האָט זיין קרוינונגס־שעה געחתמעט מיט אַ קוש.

☆

און ווי זיין קאָפּ איז נאָך געווען געבויגן, האָבן קוואלן טרערן מיט אַמאָל זיך אויפגעעפנט,
ער האָט מיט טיפער שולדיקייט זיך אָן דער מאַמען זיינער ערשט אַצינד דערמאָנט,
און ווי די טרערן פלייצן שוין, דערמאָנען זיי אים אויך, דערמאָנען, אַז ער וועט פון איצט אָן מוזן גיין איינזאַם און אַליין פיל יאָרן נאָך אַנטקעגן שטומען גלייכגילט אין דעם טומלדיקן לאַנד.

☆

יב

גאַנג צו דער געקרוינטער וואָך,
וואַרשעווער ווידיע

און איצט האָט אַלצדינג לאַנגזאַם אָנגעהויבן ווערן דאָ צוריק אין זאַל, ווי ס׳איז געווען:
דער נביא־פּאַסטוך, ווי אַ וואָלקן, געלם ווערט פון אונדזער רעכטער האַנט,
און דוד עדעלשטאַדט איז אויך צוריק אין דעם פאַרשטויבטן
פּאָרטרעט אריין, וואָס איז געהאָנגען אויף דער שפּין־פאַרוועבטער וואַנט.

☆

און יוסף בן ישראל האָט געזאָגט אצינד גאַנץ וואָכעדיק און פּשוט:
— אוודאי איז דער יאָך אַדאָ נישט מער ווי משל גאָר און גאָר סימבאָל,
נאָר משל איז נישט — נישט פאַר אייך און אויך פאַר מיר נישט —
דאָס האַלטן די התחייבות און טראָגן פון דעם עול.

☆

און שוין. אפילו אָט דאָס לעצטע וואָרט פון דער הבדלה פון בין שבת און בין וואָך — פאַרקלונגען.
און דעמאָלט זאָג איך הויך צו זיך: — דו בעל חלומות נארישער, וואָס ביזט,
גיב זיך אַ ריס, וועט נאָקעט בלייבן שטיין פאַר דיר די נארישקייט, ווי נאָך אַ חלום.
וואַך אויף! איך פאָלג און וועק און רייס, נאָר וועק אהין און וועק אַהער, עס איז אומזיסט.

☆

עס איז אומזיסט, ווייל ס׳איז קיין חלום נישט געווען, נאָר אַ גרויע, הייליק־פּראָסטע וואָרעט,
אָט ווי פאַטעטיש, אפשר אויך פּאָעטיש, ס׳האָט דאָס וואָרט עס דאָ געמאָלט.
און זע — צוויי קייטן, צוויי מעטאַלענע איצט ציען אויף ארויף דעם יאָך, דעם האָלצערן־שווערן,
פון אייזן איינע איז פון זיי — די צווייטע איז פון גאָלד.

און וואַכעדיק איך זאָג איצט צו מיין זון: — אָט ווי צו די צוויי ממשדיקע קייטן,
ס׳איז איצט דיין יאָך, מיין שטאַרקער זון, מיין מאָרגן דו, געבונדן און געשמידט.
אזוי איז אויך דאָס פאָלק, וואָס אונדזערס, צווישן אַלע פעלקער האַרט און ממש,
מיט אייזן צו דער וועלט געקאָוועט און מיט שטראַלן-גאָלד צו זיך אַליין — מיר ייִד!

☆

און אָט איז אַלץ געענדיקט שוין, דער עולם גיך צעגייט אהיים זיך, נאַכט העגגט ווידער פינצטער.
און מיר, מיר גייען אויך. ע● שעמט מיין זון זיך איצט פאר מיר, שפּאַנט גיך, פאָרויס,
אוןביידע זענען מיר פארזונקען אין געדאנקען ערדן-נאָענט-שווערע, הימל-ווייט און-לייכטע,
עס יובלט אין אונדז ביידע: וווּנדערלעכס איז שוין געשען, איצט איז די צייט אויף גרויס׳ס.

☆

און זע, אָט איז מיין יוגנט שטורמישע, אין פוילנס מעטראָפּאָלע וואַרשע, רוישנדיק געקומען
צו גאַסט צו פליען איבער מיר. און זע ס׳איז נישט מער היינט און נישט מער הי,
איך שפּאַן דורך נאָוואָליפּיע, נאָוואָליפּקי, קאַרמעליצקע; יידן טויזנטער, דרייהונדערט טויזנט.
עס ברענגט די מראה מיר דעם שיינעם פּרץ מאַרקיש און דעם דאָרן-דאַרן גרינבערג אורי צבי.

☆

און כ׳גיי אַלץ טיפער אין דער מיט אריין פון די חלומות פון דער יוגנט, פון דער ווייטער,
ווען יעדערער געפילט, נאָר קיינער נישט געוווסט האָט, וו עס פירט דער שטורם-און דראַנג.
געוויזן זענען אלע דריי מיר דער מזומן פון אַ יונגער, אַ צעזונגענער כאליאסטרע,
דאָס לעבן שטורמט: גיב ליניע, גיב געדאַנק! געענטפערט האָבן מיר מיט
ווירבלדיקע קרייזן פון אַ שטורעמדיק געזאַנג.

☆

און ווי געקומען — גיך פאַרביי, דאָס שטורעמזינגען. איינער פון די דריי אַוועק אויף דרום-מזרח,
אין צפון-מזרח האָט דער צווייטער אויפגעשלאָגן שוין זיין וואָרט- און ליד-געצעלט.
ס׳איז אין ירושלים אורי-צבי, און ס׳איז אין מאָסקווע פּרץ שוין. נאָר איינער איז געבליבן,
געבליבן אויף זיין פּאָסטן שטילן, איינזאַמען אויף גאָרער יידן-וועלט.

אוודאי קען עס נאָר מליצה זיין „געבליבן אויף זיין פּאָסטן איינזאַם-שטילן"...
ווייל חוץ זיין אייגן האַרץ, האָט קיינער אויף דעם פּאָסטן קיינמאָל דאָרט אים נישט אָוועקגעשטעלט,
און ער איז אויך נישט איינזאַם אויף דעם פּאָסטן, ווייל מיט אים פיל הונדערט טויזנט,
וואָס זעען, פּונקט ווי ער, איין הימל אויסגעשפּאַנט אין מדבר וועלט אויף יעקבס צעלט.

☆

מה טובו אוהליך יעקב — זינגען זיי צו אַלע, אַלע איינזאַמע געצעלטן פון ישראל,
ווייל ווו נאָר יעקב שטעלט זיין מידן פוס, דאָרט איז געווען גורלדיקער מוז אין גרויסן שפּיל;
צי אין אייראָפּעס מזרח, אין דעם דרייעק: וואַרשע, אָדעס, ביז ווילנע,
צי אין וועלטס גרעסטן כרך ניו יאָרק, צי אין דעם דערפל אין דער פּאַמפּאַ: מאָזעסוויל.

☆

און גורלדיקער מוז געווען, אין אננאָ דעי אכצנהונדערט ניינציק זיבן,
דער אויפגאַנג פון דעם בונד און אויך די אָפּהאַלטונג פון באַזעלער קאָנגרעס,
צוויי ווערטער מיסטישע שוין היינט אין יידישער דיאַלעקטיק, די צוויי זייטן פון דער ליכט-מטבע,
וואָס פאר איר פּרייז, איר בלוטיק-אַשיקן די וועלט וועט אויסלייזן איר לעצטן נס.

☆

מען קען נישט משפּטן, נאָך ווייניקער פאַרשטיין די וועלט-געשיכטע מיט
טעאָריעס לאַנג-פאַרגרייטע,
פּונקט ווי מיט טראָפּנס כעמישע מען קען באַשטימען דעם קאַראַט פון גאָלד;
דער מענטש, דער יידישער דאַרף אייביק זיין געשפּאַנט אין אַקער, פול די הענט
מיט זריעה-קערנער,
און נישט קיין מויל, קיין פולס מיט טענות און מיט חכמות: ווען — דאַן וואָלט — —

☆

יאָ, מוז היסטאָרישער געווען איז אין קלינגוואָרט בונדישן: דאָ בלייבן און דאָ קעמפן!
און האַרצנס אורצוואַנג אין דעם ציען זיך פון בליטן יידישע צו די מדבריות פון ציון-לאַנד!
זיי האָבן ביידע זייער בלוט און זייער שוויס אין די צוויי וואָגשאָלן פון גורל יידישן געגאָסן
בדחילו ורחימו — אָבער ס'איז דאָס צינגל פון דער וואָג געווען אין אַ דריטער האַנט.

יג

דריי חברים פון אַמאָל — דריי וועלטן פון היינט,
ז׳י טויב פון שליחות

איך טראַכט און חלום נאָך, ווי כ׳וואָלט אויף פליגלען גאָר געפלויגן,
און זע: פון געפּל פינצטערן עס קומען מענער צוויי — אַ יעדער פון אַן אַנדער זייט,
און כ׳הער: זיי רעדן עפּעס צו מיין חבר-זון, מיין יוסף בן ישראל,
און אויפגערעגטערהייט ער ענטפערט עפּעס די צוויי פרעמדע, אים נאָך אומבאַקאַנטע לייט.

☆

אָט שטייען זיי אין ליכט פון אַ לאַמטערן און איך זע זיי גוט, צוויי הויכע, גרויע שוין אַביסל;
זעט איינער אויס, ווי אויף דער עלטער עס וואָלט אויסגעזען אַפּאָללאָ, יונס שענסטער גאָט;
דער צווייטער, ווייל ס׳איז אַלץ אין אים אַזוי פאַרדאַרט און אויסגעצויגן,
זעט אויס, ווי אויף דער עלטער עס האָט אויסגעזען דער איידלער ריטער-טרוימער דאָן קיכאָט.

☆

אַ רגע נאָר, און מיר דערקענען זיך דורך אָפּגרונטן פון יאָרן, ימען בלוט און טרערן, תהומען
פון וועלטן פון געדאַנק, וואָס טיילן אונדז; מיר האָבן זיך אַרומגעכאַפּט,
ס׳האָט אורי צבי, ווי אַלעמאָל, די הענט, די אָדערדיקע צו מיר אויסגעצויגן,
און פרץ מאַרקיש האָט גוטברודעריש אין פּלייצע מיר געקלאַפּט.

☆

נאָר מאַרקיש, דער פאַטעטישער, האָט עפּעס שטיל געשוויגן און גערעדט האָט אורי צבי פאַרביידן:
— דו בלאָנדזשעסט נאָך? דו ביזט אין ערגעץ נאָך נישט אָנגעקומען, אַלטער פריינט!?
איך האָב אַרומגענומען די חברים און אַנטשלאָסן שאַרף געזאָגט: — ווי קען איך קומען,
אַז איך בין קיינמאָל נישט אַוועק? מיין לאַנד איז ייִד, מיין נעכטן-מאָרגן אייביק אין מיין היינט.

די גרעניצן פון לאַנד פון מיינעם זענען דאָרט, ווו ס׳איז דער ווייטסטער שטורעם-לייכט-טורם
פון ייד אין וועלט, ווו ס׳טראָגט אַ ייד, אַ לעצטער נאָך דעם וואָכעדיקן סיני־יאָך:
און נישט קיין שבת-יום טובדיקע יידן זענען מיינע, נישט קיין תהילים און קיין תפילה-יידן,
נישט רו-און שבת איז מיין וועלט און גייערט אומרו אייביקע און וואָך.

☆

עס שרומפּט און וואַקסט מיין וועלט צוזאַמען מיט דעם שרומפּן און דעם וואַקסן
פון מספּר ייד אין וועלט. איך טו אַ ציטער און איך זאָג: — מיין גרעניץ הייסט אַצינדערט עלף —
דער מספּר פון מיין פאָלקס מיליאָנען — ווייל דעם מספּר טו׳ב, די ווייטסטע גרעניץ אונדזרע,
צעריסן האָבן, הוילנדיק ווי די היענעס, ווײנענדיק מיט קראָקאָדילן-טרערן—ווילדע וועלטן-וועלף.

☆

טריומף בליצט אויף אין גרינבערגס גרינע אויגן; פול מיט טרויער שוויגט איצט מאַרקיש,
און איך — איך האָב פאַרשטעלט מיין פּנים און האָב דאָך געזאָגט, כאָטש ס׳איז ווי זאַלץ אויף וווּנד:
— וואָס לאַנד! נישטאָ קיין זיכער לאַנד בכלל, ווייל נישט אַ מענטש אַזאַ דערוויל בנמצא;
אַט האָסטו, מאַרקיש, אויף אַ פעלדז געלעבט — און אַטאָ שוועבסטו שוין: קאָסמאָפּאָליט
און וואַגאַבונד.

☆

און ווי מיר רעדן — איז פון טונקלען הימל-אינדזל אינעם וואָלקנהייזער-ים אַראָפּ אַ ספר,
אַ ספר אָן אַן אָנהויב, אָן אַ סוף, וואָס ווי די צייט אַליין איז קיינמאָל נישט געוועזן יונג
און קיינמאָל וועט נישט ווערן אַלט.
דאָס ספר, וואָס איז פייערזייל, ווען ס׳דאַרף זיין פאָלק אַ פייער-זייל אין נאַכט, און איז
בייטאָג אַ זייל פון וואָלקן,
דאָס ספר, וואָס בייט קיינמאָל זיין נשמה נישט, כאָטש אייביק גייט פאָרויס אין פאָרם און
אינהאַלט עס, און בייט אפילו זיין געשטאַלט.

☆

און איך, איך בלעטער גיך צוריק די דפים אין דעם ספר, אין דעם גאַנג פון יידישער געשיכטע,
ווי קלאָר איך ווייס איצט, וואָס איך וויל, איך פלאָנטער נישט אין פאַרמעט-בלעטערוואַרק,
אַט האַלט איך ביי די שופטים שוין, אַט משהס טויט, אַט יאָרן אין דער מדבר,
און אָט איז דער פרימאָרגן, ערשטער יידישער, זיגט וועלט-באַשאַף: איך האַלט ביים סיני-באַרג.

— אַט זעט, געוואַנדערט אונדזער פאָלק אין מדבר און געזוכט האָט עס אַ שטיקל ערד צום רוען,
געקומען צו דעם סיני-באַרג, געהאַפט, אַז פאַלן וועט פון מילכוועג אים אַ מילך-און האָניג-לאַנד,
געפאַלן אָבער איז אַ יאָך פון גאָט און מענטש און ייד ארויף ישראלס איינגעשפּאַרטן נאַקן,
און אויף אַן אייביקייט דאָס פאָלק, וואָס האָט ווי אַלע פעלקער זיין געוואָלט, אין אים ארייגעשפּאַנט.

☆

עס איז געווען די גרויסע רגע, וואָס איז איינמאָל נאָר און נאָר איין פאָלק באַשערט געוועזן,
צו זאָגן נעשה קודם און צו זאָגן נשמע שפּעטער, און נאָך איצטער שטוינט
די גאַנצע וועלט פון יענער רגע, און זי וועט אַזוי ביז צייטנס סוף שוין שטוינען,
נאָר סאַי ווי סאַי שוין בלייבט דאָס פאָלק און נישט קיין אַנדער פאָלק אויף אייביק יאָך-געקרוינט.

☆

מען קען, חברים מיינע, פון דעם גורל, אָט ווי שווער ער איז, שוין קיינמאָל נישט אַנטרינען,
דו, אורי צבי, דו מיינסט, אַז קרוין אויף בוים איז אַלץ, און פון אַ פייער איז דער עיקר פלאַם;
דו מאַרקיש האָסט געמיינט, אַז צווייג קען מער זיין ווי די קרוין, ווי שטאַם, קען האָבן מערער ממש,
ווייל פּירות בעסטע וואַקסן אויף די צווייגן; נאָר איך האָב אַלע מאָל געוווּסט, אַז סוד-יסוד
איז שטאַם.

☆

און זע, ווי אין דיין גורל-רגע, מאַרקיש, האָסטו דיך אַליין געפירט צום שטאַם צו דער
עקידה, יצחק דו אַליין, אַליין אברהם,
פון ווערטער-שטורעמדיקסטן פייטן אונדזערן, ארי בחבורה, שווייגסטו איצטער ווי אַ קרבן-לאַם.
יאָ, פּרץ, ביזט אַ צווייג, אַ טייער-פּרוכפּעדיקע, נאָר מיט גוואלט פון שטאַם אַראָפּגעבראָכן,
ישראל-ארץ — אורי צבי — ביזטו! נאָר איך, איך לעצטער; איך בין איינגעוואַקסן אין דער
רויער קאָרע פון דעם שטאַם, און בין די אייביקייט: ישראל עם!

☆

יאָ, עם ישראל דאָס בין איך. און נייגט אַן אויער צו דער ערד, וועט איר דערהערן
דעם גאַנג, דעם יידישן, דעם אמתן, דורך שטח, צייט און אייביקייט;
דאָס איז דער וועג: צו אים איז יידישע נשמה ווי מיט גאָלד'נער קייט געבונדן,
צו אים דער גוף פון ייד איז צוגעשמידט מיט רינגען זיבעציק פון אייזן-קייט.

יאָ, עם ישראל, דאָס בין איך, און שפּיגלט דעם בליק אַריין אין אַט דער נאַכט, אין דער ניו יאָרקער,
און איר וועט אויגן יידישע פאַרבענקטע — איין מיליאָן און נאָך אַמאָל מיליאָן —
דערזען. אַ שטערן־הימל פול מיט אויגן יידישע און וואַרטנדיקע,
און אַט פאַר זיי און פאַר אונדז אַלע, האָב איך היינט צעלאָזט אין ווינט אַ בלויע האָפנונגס־פאָן.

☆

צוויי־אייניקייט איז אונדזער גורל, און אויב פעלן פעלט זי אין דער וועלט, דער יידישער אַ רגע,
שטייגט אונדזער אייניקייט באַלד אַראָפּ, ווי גאָט צו אדמען אין שלאָף, און שניידט
צוויי־אייניקייט ארויס פון אונדזער ריפּ.
די צוויי־צעריסנקייט ביים אָפּגרונט אייביקן פון פאַטום טראַגישן — דער וועג, וואָס אייביק גויש,
צוויי־אייניקייט — ווי מאַן און ווייב, וואָס זייער קינד איז אייביק לעבן — יידישער פּרינציפּ.

☆

אַ גרויסע איבערקערעניש גייט אום אין אַלע וועלטן פון די שבעים־גוים,
דער מזרח און דער מערב צאַפּלען בלוטיק אויף די שאָלן צוויי פון וועלטן־וואָג,
און אויך אין וועלט אין אונדזערער גייט נייע גאָט־מענטש־איבערוואַרטונג אויף און
נייע קאָנסטעלאַציע;
די זעקסטע נאַכט פאַרשווינדט אין דער געשיכטעס כּף הקלע און אויפן ראַנד פון תהום
דאָס ליכט דאָס זיבעטע פון נייעם וואָכנטאָג.

☆

די שיף פון כמות יידישן, וואָס אַן אַ רודער איז געווען, דער מאַסט וואָס אַן אַ פאָן אויף ראַנד
פון הימל האָט געאיינזאַמט,
דאָס אַלץ געהערט צום עבר, וואָס וועט קיינמאָל מער נישט ווידערקומען שוין,
קוקט אַט דעם בחור אָן! דערקענט איר נישט? איז אויכעט אייער זון און המשך,
רירט אַן זיין האַלדז, דערפילט סימנים פון אַ יאָך! און יוסף קוקט דערשטוינט:
יאָך איז מיין קרוין.

☆

און יוסף בן ישראל איז דער נאָמען זיינער, פול מיט התלהבות זיין מהות איז פּונקט
ווי דיינער, פּרץ מאַרקיש,
און פול אויך מיט קנאות איז ער פּונקט ווי דו — דו גרינבערג אורי צבי,
ער איז דאָס פאָלק אַליין, דאָס פאָלק אין אַלע פעלקער, אַקס אין אַלע רינגען, ליניע אין די קרייזן,
ער איז דער היינט, דער אייביק יידישער און אומעטום איז פאַר אים דאָרטן, פּונקט ווי
אומעטום איז פאַר אים הי.

און ס׳האָבן מיינע פריינט ביי אָט די רייד פאַרשטאַנען סוף כל סוף מיך און אַרומגענומען,
און אויך מיין זון זיי האָבן ביידע הענט געדריקט און ס׳האָט אים זייער האַרץ געלויבט.
— זאָל זיין מיט מזל! רופט אויס מאַרקיש. טרערן שטיקן אים און ער פאַרשווינדט. און
אורי צבי ווערט נעפּל,
פאַנאַטיש שעפּטשענדיק: — אַז ווייל איז דעם, וואָס קיינמאָל אין מעפּיסטאָ ער האָט
נישט געגלויבט.

☆

אַ שטילער בת קול און אַ בלויער אָפּשיין נאָך אַ רגע און די וויזיע איז אַוועק. מיר גייען
וואָכעדיק און וואָכעדיק און ניכטער,
און זע אויף אַקסל פון מיין זון, דער רעכטער — פליגל-פלאַטערדיק די ווייסע שליחות-טויב,
און זי פאַרשווינדט נישט, כאָטש שוין טאָג שאַריעט אויף דער הימל-ליניע. טאָג. מיין שטוב.
כ׳דערלאַנג די האַנט מיין גרויסן חבר
און פרעג אים מיט הכנעה שטיל: — דו גלויבסט? ער ענטפערט פעסט און הויך: — איך גלויב!

☆

כ׳בין גיך ארויף צו זיך און האָב דאָס פענצטער אין מיין שטיבל אויף דעם צוועלפטן
שטאָק געעפנט,
איך האָב געזען ווי ס׳וועקט זיך לאַנגזאַם פונעם שלאָף דער פילמיליאָנעדיקער ריז,
און ווי עס שטרעקן זיך עמפּאַיער־סטעיט און קרייזלער־טורעם ווי צוויי אויפגעוואַכטע אָרעמס,
און ווי די וואָל-סטריט-וואָלקנקראַצערס זעען אויס ווי ריז-מאַנהעטנס פינגער פון די פיס.

☆

און אונטן האָב געזען איך, ווי עס איז מיין יונגער חבר יוסף בן ישראל
געבליבן שטיין אין זיך פאַרטיפט, און ווי ער וואָלט גערעדט צו זיך אַליין,
און אָט אַ גייט אין שטילקייט אין פאַרטאָגיקער אויף שפּיצן פינגער אַ געשטאַלט צו אים אַריבער,
אַ טונקעלע, אַן איינגעהילטע אין אַ מאַמע-שאַל פון ליבע און פון איינגעהאַלטענעם געוויין.

☆

נאָר ווי עס האָט די טונקעלע געשטאַלט דערזעען יוספן און האָט דערקענט אים,
איז ווי זי וואָלט אַ קלונג געטון מיט ליד און אויפגעשטראַלט מיט בלויעם ליכט,
און זון און מוטער, יתום און אלמנה, האָבן ווידער שטוינענדיקע זיך געקוקט אין פּנים,
ווי אין לוויה-טאָג פון פאָטער, ווען זיי האָבן ווי צום ערשטן מאָל דערזען זיך, גרויס און אומגעריכט.

און ווי די מוטער האָט דערזען די טויב אויף יוספס אַקסל, הויבנדיק כסדר פליגלען ווי צום פליען, האָט זי פאַרמאַכט די אויגן און דערפילט די רגע ווידער פון איר זונס געבוירן. אומגעפרעגט האָט זי געזאָגט: — מיין גאָט, גראָד ווען געטראַכט האָב איך, אַז ביזט אינגאַנצן שוין פאַרלוירן, ביזטו געוואָרן מיר און דער נאָך שלאָפנדיקער וועלט אין ערשטן ליכט פון נייעם טאָג אַנטפּלעקט.

☆

— אַנטפּלעקט! — האָט פון דער ווייטער טיף, ווי בת קול ביז צו מיר דאָס וואָרט געקלונגען, און רויק האָב מיין פענצטער איך, דאָס הויכע, זעעוודיקע, זאָרגעוודיקע, שטיל פאַרמאַכט, און האָב דערפילט: — איצט ביזטו ווידער דו אַליין, צו נייע יאָרן, נייע ווערטער, אפשר נייע וועלטן ווידער,
און ווי מיין מאַמעס טרערן-קוואַל, וואָס אויפגעמאַכט זיך האָט נאָך מיין געבוירן, האָט אין מיר זיך אויך אַ קוואַל פון טרערן אויפגעמאַכט.

☆

און ס'האָבן פליגלען פון דעם מלאך פון דעם שלאָף געגלעט מיין מידן שטערן
און געשעפּטשעט האָט דער מלאך:

— ס'איז נאַכט
געענ-
דיקט שוין,
מיט איר
דער ח-
לום פון
פרינצע-
סין ש-
בת אויך.

אַ ליכט,
אַ נייס
גייט אויף,
דאָס ליכט
פון דער
פרינצע־
סין וואָך.
איר קאָפּ
געקרוינט
מיט יאָך.

☆

גשריבן און איבערגעשריבן:
מאָנטרעאל — תל אביב — און ווידער מאָנטרעאל
1953—1948

זוכצעטל

זייט

9 א. דער דיקטאַטאָר־יורש און זיין יחוס

13 ב. קינדער־יאָרן אין האַרלעם

16 ג. פריע יוגנט, ערשטע ליבע, חומש-לערנען

19 ד. סוף פון דער ליבע, אָן אָנשפּאַר, באַגעגעניש

24 ה. ערשטע מלחמה־יאָרן, ביכער און ספרים און דאָס אָפענע בוך פון לעבן

29 ו. דער מוטערס וואַרטן, דער פּרץ־אָוונט, דער פּרעג־צייכן, די פייערדיקע שלאַנג

34 ז. דער לעצטער תוהו ובוהו, די אייביקע ווונד

38 ח. די גאָלדענע פּאַווע, דער הילצערנער יאָך

43 ט. די אייביקע יידישע צוויי־איינקייט, עמוס, עדעלשטאַדט

47 י. קרוינונגס-רעדע און צווישנרופן

53 יא. וועלט — ייד — אַמעריקע, אל און אדם, ענד פון דער קרוינונג

57 יב. גאַנג צו דער געקרוינטער וואָך, וואַרשעווער וויזיע

60 יג. דריי חברים פון אַמאָל — דריי וועלטן פון היינט, די טויב פון שליחות

נאָכבאַמערקונגען:

לכתחילה איז געפּלאַנט געוועזן אַרויסצוגעבן די פּאָעמע צוזאַמען מיט איר ענגלישער איבערזעצונג. געמיינט עס וועט אָנקומען לייכט. די פּאָעמע וויל דאָך ווירקן אין דער ערשטער ריי אויף יענע — וואָס קענען נאָך נישט, אָדער שוין נישט, יידיש אין אַמעריקע. מעשה איז דער ציל פון וואָרט בכלל און פון דיכטונג אוודאי און בפרט. אָבער — עס האָט זיך אַרויסגע־וויזן, אַז עס איז ממש נישט פאַר מיינע כוחות אַזאַ זאַך — אַ צוויישפּראַכיקע אויסגאַבע — דורכצופירן. אפשר וועט עס געלינגען, ווען די יידישע וועט זיין געדרוקט.

באַגעגענישן אין דער פאַנטאַזיע מיט מיינע, היינט אין דער יידישער וועלט באַרימטע, חברים פון יונגע יאָרן אין לעמבערג און אין וואַרשע, אורי צבי גרינבערג און פּרץ מאַרקיש, זענען באַשריבן אין די לעצטע בלעטער פון דער פּאָעמע. נישט וועזנטלעך וויכטיק ווי אַזוי זיי פּערזענלעך וואָלטן — אָדער וועלן — רעאַגירן אויף מיינע סטראָפן. דאָס זענען סאַי ווי אייג־זייטיקע באַגעגענישן; כאָטש דער דיקדוק דערלויבט נישט אַזוי זיך אויסצודריקן. מיט גרינ־בערגן האָב איך מיך פּאַקטיש באַגעגנט — נאָך צענדליקער יאָרן — אין יאָר 1950, אין ירושלים און אין תל־אביב, מיט מאַרקישן — אין מאָסקווע אין יאָר 1935. איך האָף אויך נאָך מאַרקישן ווען עס איז צו זען. ווו? יעדנפאַלס אין אַ בעסערער וועלט. פיזיש, אָדער מעטאַפיזיש.

דרייערליי ערדן זענען אונטער אונדזערע פיס און דרייערליי וועלטבאַנעמונגען זענען אונדזער דרייענס האָריזאָנטן, אָבער נאָר איין הימל איז איבער אונדזערע קעפּ: ליבע און גלויבן אין ייד אין דער וועלט, מענטש אין ייד, מענטש בכלל. איך האָב די באַגעגענישן אין דער פאַנטאַזיע טיף איבערגעלעבט און בכן זיי געמוזט אַריינעמען אין מיין פּאָעמע. זי איז אפשר אויך מיין צוואה. יעדער יחיד — אפילו דער לעצטער, מעג דאָך ז י י ן צוואה שרייבן.

אויב נישט די פריינטשאַפט און די פאַרשטענדעניש פון די אָנפירנדיקע חברים פון דעם דוד איגנאַטאָוו פאָנד, וואָלט די פּאָעמע נישט געקענט דערזען די ליכטיקע שיין. דאַנק איך דער אָנפירערשאַפט, באַזונדערס דעם שריפטשטעלער משה שטאַרקמאַן, מיין פריינט און לאַנדסמאַן. און איך דערמאָן דאָ מיט ערפורכט איינעם פון די גרעסטע בעלי אמונה אין ייד, יידישקייט און יידיש, דר. מענדל סודאַרסקי ז"ל. פון זיינע הענט האָב איך, מיט וואַרעמע, מענדל סודאַרסקישע ברכות, פרילינג 1951, באַקומען די מיטטיילונג, אַז דער דערמאָנטער פאָנד וועט העלפן פינאַנ־סירן אָט די אויסגאַבע. זאָל אויך ד י טאַט סודאַרסקין אַנטקעגנקומען אויבן — צוזאַמען מיט טויזנט אַנדערע אַזעלכע, וואָס ער האָט אין לעבן געטון.

מ. ר.

פון אייגענעם מחבר:

אויף דער שוועל /יוגנט לידער/ — — — — — — — — — לעמבערג 1912
רואינענגראַז /לידער/ — — — — — — — — — — —ווין 1917
שפינאָזאַ /פיר לידער סעריעס/ — — — — — — — — ווין 1918
שפינאָזאַ /פאַרגרעסערטע, געענדערטע אויסגאַבע/ — — — — —ווין 1921
נאַקעטע לידער — — — — — — — — — — — — — ווין 1921
דער קרן פון אַלע מיינע לידער /פון זעקס ביכער/ — — — וואַרשע 1922
פרעהיסטאָרישע לאַנדשאַפטן /לידער און באַלאַדן/ — — — וואַרשע 1924
צו דער יידישער יוגנט /עסיי/ — — — — — — — — וואַרשע 1924
בלוט אויף דער פאָן /דראַמאַטישע פאָעמע/ — — — — — — ווילנע 1929
די פיר זייטן פון מיין וועלט /פיר פאָעמעס/ — — — — — — ווילנע 1929
ווייב און מאַן /דריי דראַמעס/ — — — — — — — — —ווילנע 1931
איבער אויסטראַליע /רייזע-בילדער, יוגנט-אויסגאַבע/ — — וואַרשע 1937
קאָנטינענטן און אָקעאַנען /לידער, באַלאַדן/ — — — — — וואַרשע 1937
לידער און באַלאַדן פון די לעצטע דריי־פיר יאָר — — — מעקסיקע 1940
מיין לעקסיקאָן — יידישע דיכטער, דערציילער, דראַמאַטורגן אין פוילן
צווישן צוויי וועלט מלחמות — — מאָנטרעאָל 1945
מיין לעקסיקאָן — יידישע שרייבער, קינסטלער און קולטור-טוער אין
פוילן — מאָנטרעאָל 1947
67 לידער — — — — — — — — — — — — — — — — בוענאָס איירעס 1946
איינעמס יידישע מחשבות אין צוואַנציקסטן
יאָרהונדערט — — בוענאָס איירעס 1949

בקרוב דערשיינען:

די לידער פון מיינע לידער /מחברס אַנטאָלאָגיע/.
24 לידער אין אַן ענגלישער איבערזעצונג

פון דעם מחברס מאַמען:

הינדע בערגנער — אין די לאַנגע ווינטערנעכט /משפחה־זכרונות פון אַ שטעטל אין גאַליציע, 1870—1900./ אַרויסגעגעבן פון די זין: הערץ בערגנער און דעם אויטאָר פון דעם בוך — — — — — — — — —מאָנטרעאָל 1946